בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קס"א

יו"ל: ט' תמוז ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

'יעָצְנו על כל זה רבינו...'

און פארט האָפּ

ר' שלמה וועקסלער

הסיפור על ר' חיים שרה'ס

קדושתו של ר' שלמה

אשרי הזוכה להתקרב בחיים חיותו

אייביג ביים רבי'ן

מקום קבורת מוהרנ"ת

נישט געלאזט זיך מאכן א פעלץ

דעם רבי'נס א דיבור

ר' אורי מיאס

'הכל לפי גודל האמת'

מעלת לימוד פוסקים

לפרש שיחתו בכל יום

א נייער חדר אינגל

נישט מקנא!

אויסגעפירט מיט די בעלי־בתים

ער וויל איינטיילן דעם דאקטער...

דער רבי וויל יעדן איינעם!

דער בעל-דבר שווייגט נישט

דעם רבי'ן רבי זושא'ס עצה

געזעהן דעם תולדות

מכון טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו־כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור
המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #161**

בס"ד

# שיחת חיזוק

## בשלח-יתרו שנת תשל"ח

(טייפ מס' 305-307)

## 'יעָצָנו על כל זה רבינו...'

(חסרה ההתחלה) מען מוז זיך שטארקן אין שמחה, איך פריי זיך מיט עפעס, איך פריי זיך וואס מען האט אמונה אין דעם אויבערשטן, איך פריי זיך וואס מען איז נישט קיין מתנגד אויפן צדיק, האבן שמחה אין זיך.

(אחד הנוכחים: דער עיקר שבת איז 'שמחה') אוודאי, דער עיקר 'שבת' איז 'שמחה'[א], דערפאר איז שבת די 'יראה' מיט 'דעת'; אינמיטן דער וואך איז די 'יראה' מיט 'כסילות' - דער רבי רעדט עם דארט אין דער תורה[ב].

דער 'צדיק' איז דאך כסדר 'שבת'[ג]; דארף מען טאקע זיין כסדר 'בשמחה' (המקורבים אליו)[ד].

טאקע אין דער 'אדרא רבא' זענען דאך אריין צען, און ארויס זענען נאר זיבן; דריי זענען נסתלק געווארן אין דער 'אדרא'; פון די חברייא פון רבי שמעון'ען זענען נאר געבליבן זיבן, רבי שמעון - מיט זעקס תלמידים.

---

[א] עיין ליקוטי עצות (שבת) עפ"י תורה זו: **עִקַּר מִצְוַת כְּבוֹד שַׁבַּת קֹדֶשׁ הִיא הַשִּׂמְחָה**; גם עיין ליקוטי תפילות עפ"י תורה זו, וזל"ש: וּבִפְרָט מִשִּׂמְחָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, **אֲשֶׁר כִּמְעַט בָּזֶה תּוֹלֶה הַכֹּל** וְהוּא עִקַּר הַהִתְקָרְבוּת אֵלֶיךָ; גם עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז אות מ"ה: **עִקַּר קְדֻשַּׁת שַׁבָּת הוּא שִׂמְחָה.**

[ב] וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה שֶׁל שַׁבָּת זוֹכֶה לְחֵרוּת וְאָז הַדַּעַת בִּשְׁלֵמוּת וְאֵינוֹ מְבֻלְבָּל, וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְיִרְאָה עִם דַּעַת בְּלִי כְּסִילוּת, וּמַעֲלֶה כָּל הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת, שֶׁלֹּא יִהְיֶה מִתְיָרֵא מִשּׁוּם דָּבָר, לֹא מֵאֵיזֶה שַׂר וְאָדוֹן וְכַיּוֹצֵא, רַק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ.

[ג] זוהר נשא קמ"ד ע"ב מה שאמרו החבריא לרשב"י "אנת הוא שבת דכולי יומא".

[ד] עיין שיחות הר"ן אות קע"ז: חִזֵּק אֶת אֶחָד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה ... גַּם רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶּׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה.

האט זיך אנגערופן רבי שמעון[ה]: "איצטער זענען מיר זי"ן קעגן די 'זי"ן ימי שבתא". זאגט רבי אבא: "יא, אבער דו ביסט דער שבת" - 'אנת הוא שבת דכולי יומא'.

זיי האבן נישט געלאזט זיך נארן; רבי שמעון זאגט צו זיי - זי"ן; 'יא, מיר זענען טאקע זי"ן, אבער דו ביסט דער 'שבת' - 'אנת הוא שבת דכולי יומא'.

זיי זענען געווען תלמידים וואס האבן זיך נישט געלאזט נאַרן; רבי שמעון מאכט זיך גליך מיט זיי - 'מיר זענען אלע זיבן' און שוין. זאגט ער: 'יא - אבער דו ביסט דער 'שבת' - 'אנת הוא שבת דכולי יומא!' שבת איז טאקע פון די זיבן טעג, אבער 'שבת' איז 'שבת'. (אחד הנוכחים: 'כולהו שיתא מיניה מתברכין'[ו]!).

טאקע אין דעם היינטיגן זוהר אין בשלח שטייט[ז]: עס מאכט זיך אמאל אז דער מלך ווייזט א 'פנים שוחקות', א 'סבר פנים יפות', ווייל ער וויל פרואוון זיינע שָׂרים צו זיי פארגעסן אז ער איז א מלך, ער הויבט אָן רעדן מיט זיי גלייך אזוי. איז די גרויסע טאקע, זיי וויסן - 'מלך הוא' - נאר ער ווייזט דיר א 'פנים שוחקות'. אבער די (רשעים), זיי פארגעסן זיך שוין, דער מלך איז שוין עפעס א חבר. נו, זאלסטו וויסן, 'מלך הוא'!.

דעם רבי'נס זאך איז זייער אַן אמת'ע זאך און זייער א גוטע זאך; נאר וואס דען, מען דארף האבן א זאך פון 'שמחה' אויך אין זיך.

## און פארט האָפּ

אין דעם רבי'נס צייטן האט די צענזור נישט געלאזט דרוקן אין לאנד עפעס זיבן ספרים: ספרי בעל־שם־טוב - נישט; און ספרי רבינו אויך נישט; און ספרי הרב פון דעם 'בעל התניא' - אויך נישט; זיי האבן עס נישט געלאזט דרוקן ווייל עס מאכט מרה שחורה'דיג...[ח]

---

[ה] זוהר נשא שם.

[ו] זוהר שם.

[ז] דף נ"ב ע"א.

[ח] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תמ"ט.

אבער דער אמת איז נישט אזוי; דעם רבי'נס ספרים מאכן דען מרה שחורה'דיג?! דעם רבי'נס זאך איז דאך נאר 'בשמחה'דיג!' דעם רבי'נס ספרים איז נאר פול מיט התחזקות, און די 'תפילות' זענען פול מיט התחזקות, און די 'מכתבים' זענען פול מיט התחזקות און שמחה. נאר וואס דען, געווענטליך די צדיקים גיבן אמאל גוט ארויס - - אבער די ספרים זענען פול מיט שמחה און התחזקות.

(אחד הנוכחים: "ראשית חכמה" אויך?) איינער איז געקומען צו רבי נתן'ען, ער האט אים געזאגט אז ער האט געקוקט אין "ראשית חכמה", ער קען עס נישט אויסהאלטן, ער קען נישט אויסהאלטן ווי דער "ראשית חכמה" מאלט אויס דעם גיהנום, ער קען עס נישט אויסהאלטן - א געוואלד.

האט אים רבי נתן אזוי געזאגט: "די כוונה פון דעם "ראשית חכמה" איז נישט געווען אז ער זאל דיך אראפווארפן; נאר אויב דו קענסט נישט - קוק נישט דארטן!"[ט]. (ר' מאיר קארליבאך: עס שטייט אין די בריוון) **יא יא!**

(ר' מאיר: רבי נתן שרייבט צו זיין זון[י]: "ער דארף זיך שטארקן זייער שטארק מיט שמחה, 'ואפילו על ידי מילתא דשטותא', און טאקע פארט האפ!" וואס מיינט ער 'פארט האפ'?) **יא יא, 'האָפ האָפ'!** 'האָפ' האט געהייסן אמאל, 'מען האָפּעט', 'טאנצן'.

---

[ט] עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט אות ט"ז: שָׁכִיחַ בְּכַמָּה בְּנֵי אָדָם שֶׁכְּשֶׁיּוֹשְׁבִים עַל סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה הַקָּדוֹשׁ אוֹ שְׁאָר סִפְרֵי מוּסָר הַמְדַבְּרִים מִגֹּדֶל מְרִירוּת הָעֳנָשִׁים הַקָּשִׁים הַמַּגִּיעִים עַל כָּל עֲבֵרָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן, הֵם נוֹפְלִים בְּדַעְתָּם יוֹתֵר רַחֲמָנָא לִצְלַן מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִים בְּעַצְמָם שֶׁעָבְרוּ עַל כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים יוֹתֵר וְיוֹתֵר, רַחֲמָנָא לִצְלַן, וּמִגֹּדֶל הַמָּרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת שֶׁנּוֹפֵל עֲלֵיהֶם, עַל יְדֵי זֶה הֵם נוֹפְלִים יוֹתֵר מִבַּתְּחִלָּה, וכו' עיי"ש; גם עיין שם הל' בכור בהמה טהורה ה"ד אות כ"ח: וּכְבָר אָמַרְתִּי בָּזֶה דִּבְרֵי צַחוּת לְכַמָּה בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָרוֹצִים לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ וְעַל פִּי רֹב נוֹפְלִים בְּדַעְתָּם עַל יְדֵי עִנְיָן הַנַּ"ל מֵחֲמַת שֶׁשּׁוֹמְעִים אוֹ רוֹאִים בִּסְפָרִים קְדוֹשִׁים כַּמָּה הֵם מַחֲמִירִים מְאֹד עַל פְּגַם כָּל שֶׁהוּא וְאָמַרְתִּי לָהֶם תֵּדְעוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה הַקָּדוֹשׁ וּבִשְׁאָר סִפְרֵי מוּסָר עִנְיְנֵי קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה גְּדוֹלָה אֵין הַכַּוָּנָה שֶׁאַתֶּם לֹא תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים רַק הַכַּוָּנָה כְּדֵי שֶׁתִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, וכו' עיי"ש.

[י] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' ואתחנן תק"צ: כְּבָר דִּבַּרְתִּי עִמְּךָ הַרְבֵּה בָּזֶה שֶׁכָּל כַּוָּנַת הָ"רֵאשִׁית חָכְמָה" וּשְׁאָר סִפְרֵי מוּסָר שֶׁמּוֹכִיחִים וּמְבַזִּים הַרְבֵּה אֶת הָאָדָם, אֵין כַּוָּנָתָם לְהִתְרַחֵק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי אִם לְקָרֵב, וכו' עיי"ש.

[יא] עלים לתרופה במכתב מיום ו' ערשב"ק מחרת יוה"כ תקצ"ג, וזל"ש: צְרִיכִין לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא, **וּכְבָר אָמַרְתִּי שֶׁצְּרִיכִין לְרַקֵּד בְּכָל יוֹם**, וּבְוַדַּאי שָׁמַעְתָּ זֹאת, וְעַתָּה חָזַרְתִּי וְדִבַּרְתִּי בָּזֶה, כִּי לְפִי עֹצֶם הַיִּסּוּרִים וְהַבִּלְבּוּלִים וְכוּ' הָעוֹבְרִין עַל כָּל אֶחָד עַתָּה, אֵין עֵצָה כִּי אִם לְשַׂמֵּחַ

(ר' מאיר: ער שרייבט[יב]: "ובלשון אוקריינע: 'טשאַק'!"), **'טשאק'! אין אונגארן פלעגט מען זאגן 'טשאק' - 'טאנצן'.**

(ר' מאיר: ר' שמואל שפירא זאגט אז ר' נפתלי כהן האט אים געזאגט אז ער האט געזעהן א בריוו פון רבי נתן'ען 'בעצם כתב ידו הקדושה', איז אויף דער צווייטער זייט פונעם בלאט האט ער מסיים געווען און געשריבן דארטן נאר צוויי שורות, איז געבליבן דער גאנצער בלאטליידיג, האט ער געשריבן מיט גרויסע אותיות: "**און טאקע פארט האפ!**", אזוי, אנגעשריבן דעם גאנצן בלאט, ער האט אנגעפילט דעם גאנצן בלאט מיט גרויסע אותיות, כדי צו מאכן פרייליך...)

# ר' שלמה וועקסלער

(הרב אברהם כ"ץ - אב"ד טאהש מאנסי: ר' שלמה וועקסלער האט קיינמאל נישט ארויסגעלאזט פון שטוב אָן א טענצל!) **יא יא, איך פלעג דאך אריינגיין צו אים. איך האב געוואוינט אין קוברינער הויז. ער האט געוואוינט דארטן אין א געסעלע - -**

**איך בין עטליכע יאר געווען מיט אים דא[יג], פלעג איך טאקע אלעמאל אריינגיין צו אים. טאקע ווען איך בין אריינגעגאנגען צו אים האט מען געמוזט גיין א טאנץ, ער האט נישט ארויסגעלאזט.**

**ר' שלמה איז געווען א הייליגער מענטש![יד] ר' שמואל שפירא האט מיר געזאגט אמאל: "'הכל מודים' אז ר' שלמה איז געווען א הייליגער מענטש!".**

**ער איז נפטר געווארן [תשי"ד] - עס איז שוין דא [פיר־און־צוואנציג] יאר.**

(אחד הנוכחים: דאקטאר וואלאך האט אכטונג געגעבן אויף מיין שווער ווייל ער האט אים געברענגט ר' שלמה'ן, ער איז געווען א חסיד פון ר' שלמה וועקסלער) **יא יא, ווען איך בין געקומען קיין ארץ**

---

אֶת עַצְמוֹ בְּכָל הַנַּ"ל וּלְרַקֵּד בְּכָל יוֹם בְּעֶבְדָּא אוֹ בְּמִלּוּלָא לְדַבֵּר עִם חֲבֵרָיו מִזֶּה, אוֹ עַל כָּל פָּנִים בַּמַּחֲשָׁבָה, **אוּן טַאקִי פָּארְט הָאפּ.**

[יב] עלים לתרופה במכתב מיום י"ג ניסן תר"ב.

[יג] ר' שלמה נפטר י' אדר שנת תשי"ד, ור' לוי יצחק הגיע לירושלים ר"ח חשון שנת תש"ט.

[יד] עיין עוד אודתיו בטעם זקנים קונטרס נ"ח.

**ישראל איז ר' שלמה געווען דעמאלט אין שפיטאל פון וואלאך'ן, ער האט אים אפגעגעבן א צימער דארטן, נישט מחמת קראנקייט[טו].**

**איך בין געווען דארטן; ווען איך בין אריינגעקומען דאס ערשטע מאל און איך האב אים דערזעהן, בין איך דערשראקן געווארן פון זיין צורה - ממש א צורה פון א מלאך! עפעס גארנישט קיין צורה פון קיין מענטש - א צורה פון א 'מלאך אלקים'!**

## הסיפור עם ר' חיים שרה'ס

(אחד הנוכחים: ר' שלמה פלעגט שרייבן אסאך וואס ער האט געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס; ער שרייבט אַן אינטערעסאנטע זאך, אז די הסתלקות פון דעם קינד "שלמה אפרים" איז אויך געווען פון 'חולי הוסט'[טז])

**איך האב גערעדט מיט אים אסאך פון רבי אברהם ר' נחמן'ס.**

(ר' מאיר: דער רבי האט געהאט א טאכטער וואס איז נסתלק געווארן פון הוסט?) **פיגא? ניין, ביים רבי'ן איז נסתלק געווארן צוויי זין[יז], און א טאכטער פיגא[יח].**

(אחד הנוכחים: אויך צוויי טעכטער, איינמאל פיגא, און איינמאל שטייט אז פאר דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל איז נפטר געווארן "ילדה אחת", האט דער רבי געזאגט: "אזוי און אזוי, כהנה" וכו'[יט]) **בשעת עס איז געווען** (די מעשה) **מיט רבי חיים שרה'ס[כ], שטייט נישט וואספארא קינד** (נפטר אז).

---

[טו] בעת מלחמת שנת תש"ח כשיצא ר' שלמה מהעיר העתיקה לא היה לו היכן לדור, ונתן לו ד"ר וואלאך, שחיבבו מאד והיה גם מאותו ארץ מוצא 'דייטשלאנד', חדר מיוחד בביה"ח שלו לגור בו בנפרד משאר החולים. (שיש"ק)

[טז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תק"ח; חכמה ותבונה סי' י"ד.

[יז] הילד שלמה אפרים, והילד יעקב שנפטר בסמוך אחר לידתו.

[יח] עיין חיי מוהר"ן אות י"ב.

[יט] חיי מוהר"ן אות קל"א: כְּשֶׁבָּא מִקַּאמִינִיץ נִפְטְרָה אֶצְלוֹ יַלְדָּה אַחַת עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. עָנָה וְאָמַר כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה חַס וְשָׁלוֹם יָמוּת אֶצְלִי בִּשְׁבִיל תְּנוּעָה אַחַת שֶׁיֵּשׁ חִלּוּק בֵּינִי בֵּין קֹדֶם הֱיוֹתִי בְּקַאמֶינִיץ וּבֵין לְאַחַר הֱיוֹתִי שָׁם, ה' יַצִּילֵנוּ.

[כ] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אותיות מ"ג, מ"ו. ר' חיים שרה'ס היה מאנשי המשא ומתן שבתלמידי רביז"ל (כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל'). היה מתענה פעמיים בשנה משבת לשבת ע"פ פקודת רביז"ל (צוואת

**דער רבי איז געזעצן ביים טיש, און דער רבי האט זיך אנגערופן: "דער בעל־דבר איז אזוי גרויס, דער מלאך־המות שטייט דעם מענטשן אונטער די פלייצעס, און ער האט נאך אינזין זיינע נארישקייטן דארטן!".**

מען איז געזעצן ביים רבי'ן, זענען אלע געווארן דערשראקן פון דעם ווארט, און דער ר' חיים שרה'ס איז געווארן נאך מער דערשראקן. ר' חיים שרה'ס איז געווען רבי הערש לייב דער רב'ס[כא] שווער[כב]. אלע זענען אוועקגעגאנגען, איז ער געבליבן.

פרעגט דער רבי: **"פארוואס ביסטו געבליבן?"** האט ער נישט געקענט אפילו ענטפערן אויך - אזוי איז ער געווען דערשראקן. נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן: "רבי איך ווייס, איר האט מיך געמיינט". דער רבי האט געזאגט: **"יא, איך האב טאקע דיך געמיינט; נאר וואס דען, איך פאר איצטער קיין מעזיבוזש בעטן פאר מיין קינד; קום מיט מיר, וועל איך פאר דיר אויך בעטן!".**

איז ער געפארן מיטן רבי'ן קיין מעזיבוזש, און ער איז געשטאנען פונדערווייטנס, און דער רבי איז צוגעגאנגען צום בעל־שם הקדוש, אסאך געזוימט זיך, און דערנאך אים געזאגט: **"פאר דיר האב איך גע'פועל'ט; פאר מיר - נישט; דו דארפסט אפילו נישט צוגיין אויך, נאר אז דו ביסט שוין דא - גיי צו!".**

אויפן וועג איז נפטר געווארן דאס קינד, עס שטייט נישט וואספארא קינד.

דער רבי איז שוין געזעצן שבעה אויפן וועג, דער רבי איז שוין נישט אריינגעפארן קיין ברסלב, נאר געזעצן שוין שבעה נאך פאר ברסלב.

דארטן איז געווען די מעשה מיט דעם חתן פון אברעמל פייעס[כג].

---

הרב מטשעהרין). רביז"ל הפליג כמה פעמים בשבחו ופעם כשהיה צריך לפעול איזה דבר אמר שהשתמש עם העבודה של ר' חיים (אבניה ברזל ל"ב). דר בכפר שערוויץ הסמוך לברסלב. (מגידולי הנחל)

[כא] הרב של ברסלב, בנו של רבי אהרן הרב - תלמיד רבינו, ואביו של הגאון רבי נחמן מטשעהרין.

[כב] כוכבי אור שם.

[כג] עיין כוכבי אור שם.

# קדושתו של ר' שלמה

(רבי אברהם כ"ץ: ר' שלמה וועקסלער איז געווען א ירושלים'ער?) **ניין, ער איז געווען פון דייטשלאנד, זיין פאטער איז געווען א רב אין דייטשלאנד**[כד]**, א גרויסער מענטש. דער בריסקער רב האט געהאלטן פון זיין פאטער שטארק.**

(אחד הנוכחים: פון ר' שלמה'ן אליין האט דער בריסקער רב שטארק געהאלטן) **א חוץ פון דעם, מען רעדט דאך פון זיין פאטער.**

**ר' שלמה האט מיר געזאגט: "מיין טאטע איז געווען א געוואלדיגער מענטש", ער איז אויך געווען א 'קדוש' זייער; "נאר מיט צוויי זאכן בין איך גרעסער פון מיין טאטן: איינס - ווייל איך בין אין ארץ ישראל; און ווידער, איך בין א ברסלב'ער חסיד!".**

**כאטש ביי זיין טאטן איז געלעגן דעם רבי'נס ספרים** (והיה אומר:) **"דעם רבי'נס ספרים איז געלעגן ביים טיש ביים טאטן!" אבער א ברסלב'ער חסיד האט ער געזאגט אויף זיך.**

(אחד הנוכחים: עס איז געווען א מעשה, א איד פון חוץ-לארץ איז געקומען, האט ער געזאגט, דעם ערשטן איד וואס ער וועט טרעפן אין ירושלים וועט ער געבן א גרויסע סומע געלט. גייט ער אריין אין טויער, זעהט ער א איד מיט 'קאָלטענעס'... איז ער געלאפן צו רבי חיים זאנענפעלד - 'וואס טוהט מען, ער האט אנגעטראפן א משוגע'נעם!' האט ער אים געזאגט: 'דו האסט גוט צוגעטראפן'...)

**יא, יא, ר' שלמה איז געגאנגען גרויסע קאָלטענעס, ער האט קיינמאל נישט צוגערירט דער בארד, עס איז געווען פול מיט קאלטענעס.**

(אחד הנוכחים: רבי דוד'ל לעלוב'ער[כה], דא פון ירושלים, איז שוין געווען א זקן, ער פלעגט זיך פאר קיינעם נישט אויפגעהויבן, עס איז געווען דא אסאך זקנים, נאר פאר צוויי מענטשן, איינער פון זיי איז געווען רבי שלמה! ער איז נאך געווען א יונגערמאן דעמאלט! א מעשה נאך פון זיבעציג-אכציג יאר צוריק!) **יא יא. ר' שלמה איז געווען א זעלטנהייט! די צורה זיינער איז עפעס גארנישט געווען קיין מענטש פון דער וועלט, עפעס ממש א מלאך.**

---

[כד] ה"ה הרה"ג ר' פנחס משה אלחנן (הילא) וועקסלער ז"ל - רב עיר האכבערג בדייטשלאנד.

[כה] בנו של ר' אלעזר מענדל זצ"ל. עלה עם אביו וזקינו ר' משה זצ"ל לארץ ישראל בהיותו ילד בן שש בשנת תרי"א. נפטר ה' אלול שנת תרע"ח.

(ר' אברהם: ווי אזוי איז ער נתקרב געווארן? ווען ער איז געקומען אהער איז ער שוין געווען א ברסלב'ער?) דאכט זיך מיר אז דא איז ער געווארן מקורב[כ].

ער האט מיט מיר אסאך גערעדט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, ער האט געהאט א געוואלדיגע שייכות צו רבי אברהם ר' נחמנ'ס.

ער האט מיר אזוי געזאגט: "אז איך האב געפרעגט רבי אברהם ר' נחמנ'ס צו איך זאל פארן צום רבי'ן אויפן ציון, האט ער מיר געענטפערט: 'עס איז נישט קיין הלכה ברורה' - אזוי האט ער מיר געענטפערט!".

רבי אברהם ר' נחמנ'ס זאל ענטפערן ר' שלמה'ן ס'איז נישט קיין 'הלכה ברורה'?! זיין איינמאל ביים רבי'ן אויפן ציון!!

איך האב אבער פארשטאנען פארוואס (ער האט אים אזוי געענטפערט). ר' שלמה האט געהאט געלט, ר' שלמה איז נישט געווען קיין ארעמאן, מען האט אים געשיקט געלט אסאך, דער כולל פון דייטשלאנד האט נישט געהאט קיין סאך מענטשן דא, האט ער געהאט מער פון אלע כוללים, ביי אים האט זיך נישט אנגעזעהן די הוצאות דארט, ער האט אלעם געהאט - ר' שלמה.

האב איך פארשטאנען ביי זיך אליין, ווערליג ר' שלמה איז געווען אזא מענטש, האט רבי אברהם אים געמוזט אזוי זאגן.

ר' שלמה איז געווען אזא מענטש, אז ער וואלט געקומען צו דער שיף און געזעהן דארטן די פרענקינעס מיט די - - וואלט געווען א געוואלד.

ער איז אזא הייליגער מענטש געווען, ער האט גארנישט געזעהן פאר די אויגן, ער האט נישט געוואוסט קיין 'צורת מטבע' אינגאנצן.

אז ער פלעגט אמאל פארן אין 'מירון' און צו 'מוטער רחל' - דארט קאסט דאך ביליגער, האט זי (זוגתו) אים געמאכט בינטעלעך; "דאס בינטעלע זאלסטו געבן

---

[כ] ר' שלמה עלה לארץ ישראל בשנת תרמ"ח, והצדיק בעל ה'לב העברי' אמר ויעץ לו אחר עלותו: "מקום הראוי לך ביותר הוא בביהכ"נ של חסידי ברסלב". (שיש"ק)

'דארטן', און דאס בינטעלע 'דארטן'!". האט ער פארביטן, פאר דער קלענערער נסיעה האט ער געגעבן דאס גרעסערע בינטעלע, דערנאך האט ער נישט געהאט צו צאלן...

ער האט נישט געקענט קיין 'צורת מטבע', ער האט גארנישט געוואוסט, ממש א הייליגער מענטש, אויסגעטוהן אינגאנצן פון דער וועלט.

(ר' אברהם: ער האט געהאט קינדער?) יא, ער האט געהאט איין טאכטער[כ].

ר' שלמה איז א גרויסער למדן געווען, ער האט פארשריבן די חידושים זיינע, ש"ס, א למדן געווען. בין איך אלעמאל אריינגעקומען רעדן מיט אים.

אה, ברוך ה', איך בין זיך מחיה וואס איך האב געזעהן אזא מין איד. ער האט מיט מיר אסאך גערעדט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, ער האט געוואוסט אז איך בין אביסל כרוך נאך רבי אברהם ר' נחמנ'ס, האט ער מיט מיר אסאך גערעדט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס.

(ר' אברהם: ער איז טאקע נישט געווען אויפן ציון?) ניין, ער איז נישט געווען.

ווען ר' שלמה האט מיר געזאגט די ווערטער: 'עס איז נישט קיין בירור הלכה', האב איך פארשטאנען פארוואס רבי אברהם האט אים אזוי געזאגט; אַן אנדערן וואלט ער נישט אזוי געזאגט; אזא מין סארט איד ווי ר' שלמה איז געווען, ער איז געווען אזוי מקושר אין דער 'קדושה', אז עס איז גארנישט שייך געווען אפצורייסן אים.

אז ער וואלט זיך נישט געפונען דעם פלאץ, וואלט ער עס גארנישט אויסגעהאלטן; אז ער וועט אריינגיין אין שיף אריין, וועט זיין דארטן די וואס ליגן אויסגעלייגט דארטן, די פרענקינעס מיט די אראבקעס דארטן, די שיף אמאל איז געווען א תערובת'דיגע שיף, נישט די היינטיגע שיפן, מען האט זיך נישט געקענט רירן.

רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז אריינגעקומען אמאל אין 'יפו' אין דער שיף, "איך האב א קוק געגעבן (וואס דארטן טוהט זיך), האב איך געעפנט דעם 'ליקוטי מוהר"ן', און איך האב אים גענדיגט אין איסטאנבול!".

---

[כ] היא נישאה לרבי יהודה צבי בראנדוויין - האדמו"ר מסטרעטין בארץ ישראל. הבת שנולדה להם נישאה לר' אריה לייבוש האלבערשטאם - האדמו"ר מצאנז-זמיגראד ב"ב, בזיוו"ר.

אבער ר' שלמה איז אויך געווען א הייליגער מענטש, זיין קדושה איז געווען, ער האט דאס קיינמאל נישט געזעהן פאר די אויגן, אַן אנדערע סארט קדושה איז געווען ביי אים.

און אויך אז ער וועט קומען קיין אומאן, אומאן איז אויך געווען א געפוצטע שטאט; דעם רבי'נס ציון איז טאקע דעם רבי'נס ציון, אבער ביז מען קומט צום ציון - ווי קען ר' שלמה דארטן זיין - ער וועט עס דאך גארנישט אויסהאלטן?! - דערפאר האט ער אים אזוי געזאגט.

אזוי האב איך געלערנט פשט - אז 'אים' האט ער אזוי געזאגט; אבער אַן אנדערן, אַן אנדערן וואלט ער יא געהייסן פארן.

(אחד הנוכחים: ער אליין איז דאך געפארן!) רבי אברהם ר' נחמנ'ס? צוואנציג יאר, צוואנציג נסיעות האט ער געמאכט פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ, קיין איין ראש־השנה נישט פארפעלט!

ער איז געקומען אהערצו תרנ"ד, און דאס לעצטע מאל (שנסע לאומן) איז געווען תרע"ד. נאכדעם האט ער שוין נישט געקענט פארן קריק, ווייל עס איז געווארן די גרויסע וועלט־קריג, מען האט שוין נישט געקענט פארן קריק. האט ער געמאכט צוואנציג נסיעות, אלע יאר, קיין איין ראש־השנה נישט פארפעלט.

ער האט זיך אלץ געגרייט צו פארן קריק (לארץ ישראל). ער האט דאך געהאט א טאכטער וואס איז שוין געווען 'ראוי לנישואין'. ער האט מיטגענומען מיט זיך א בחור איינעם א לובלינער זאל זיין זיין אידעם. און ער האט געפירט מיט זיך בעט געוואנט; דא (בארץ ישראל) איז נישט געווען שכיח קיין פעדערן, האט ער געפירט מיט זיך פעדערן, ער זאל קענען געבן אַן אידעם קעסט.

(ר' אברהם: און וואס איז צום סוף געווארן?) ער האט געהאט דריי קינדער, זיי זענען אויסגעשטארבן דא פון הונגער.

תרע"ח איז געווען דא א הונגער, אידן זענען געשטארבן פון הונגער, אסאך זענען אנטלאפן קיין מצרים. (אחד הנוכחים: דארטן איז שוין געווען עסן) די וואס זענען געווען אין מצרים זענען אלע געבליבן לעבן.

(השואל: די קינדער זיינע זענען נפטר געווארן שוין נאך זיין הסתלקות?) **ווייס איך נישט; רבי אברהם איז נפטר געווארן תרע"ח; ווערליג דער חשבון, קומט אויס איז דאס געווען נאכן הסתלקות, אויך דעם יאר - אבער נאכן הסתלקות, אזוי קומט אויס דער חשבון.**

(אחד הנוכחים: גיטעלע[כח] האט אויך געהאט קינדער און זיי זענען געשטארבן פון הונגער!) **אוודאי, גיטעלע האט געהאט א אינגעלע, ער האט געהייסן "פנחס יהושע", שוין געווען א וואויל אינגעלע, א שיין קינד געווען. רבי נתן** (בייטלמאכער, בעלה בזיוו"ש) **איז געווען א זון פון ר' פנחס יהושע** (תלמיד מוהרנ"ת).

**ברוך ה', דארטן ביים רבי'ן איז דא א שיין חדר, אה, דער אויבערשטער זאל העלפן!**

## אשרי הזוכה להתקרב בחיים חיותו

**כל-זמן מען דרייט זיך ארום דא קען מען נאך מאכן גוט, קען מען זיך נאך צורירן צום רבי'ן, מען וועט נישט צולייגן** (- דערלייגן)**, מען וועט נישט צולייגן, מען וועט האבן רווחים!**

**איך געדענק, אז עס איז געווען א לויה אין אומאן, פלעגט מען זיך איינבויגן און זאגן דעם נפטר: "זאלסטו וויסן אז דו ביסט געשטארבן, און דארטן איז דא גרויסע מתנגדים, קליפות, וואס רעדן אויפן רבי'ן, דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דו זאלסט זיך נישט לאזן איינרעדן!".**

**דארטן איז גרויסע מתנגדים דא, רח"ל, די קליפות**[כט].

---

[כח] אשת ר' נתן בייטלמאכער ז"ל בזיוו"ש. ובזיווו"ר של ר' ישראל קארדונער ז"ל.

[כט] עיין חיי מוהר"ן אות ק"א: וּפַעַם אַחַת אָמַר שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק בְּהָאֱמוּנָה בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת בְּהִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל עַד שֶׁיִּהְיֶה חָזָק כָּל כָּךְ שֶׁאֲפִלּוּ אַחַר מִיתָתוֹ יִהְיֶה חָזָק בֶּאֱמוּנָה וְלֹא יוּכְלוּ לְהַטְעוֹתוֹ שָׁם בְּשׁוּם אֹפֶן, כִּי גַּם שָׁם צְרִיכִין הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל לְהַאֲמִין בְּהַצַּדִּיק. וְאָמַר כִּי יֵשׁ נִשְׁמוֹת הָרְשָׁעִים הַמִּתְנַגְּדִים שֶׁרוֹצִים לְהַטְעוֹתוֹ מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת כְּדֵי לְמָנְעוֹ שֶׁלֹּא יִתְחַזֵּק לָבוֹא אֵלָיו בִּשְׁבִיל תִּקּוּן. וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיִּהְיֶה חָזָק בֶּאֱמוּנָה בְּוַדַּאי לֹא יוּכְלוּ שָׁם הַמּוֹנְעִים לְמָנְעוֹ מִלֵּילֵךְ לְהַצַּדִּיק לְקַבֵּל תִּקּוּן לְנִשְׁמָתוֹ. כִּי עִקַּר הַמְּנִיעוֹת גַּם שָׁם הֵם רַק מַה שֶּׁהַמְקַטְרְגִים וְהַמְחַבְּלִים וְכוּ' שֶׁיֵּשׁ שָׁם הֵם מְבַלְבְּלִין וּמַחֲלִישִׁין דַּעְתּוֹ וּמַטְעִין אוֹתוֹ וְדוֹבְרִין עַל הַצַּדִּיק מַה שֶּׁדּוֹבְרִין כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְחַזֵּק לָבוֹא אֵלָיו (כִּי בְּוַדַּאי אֲפִלּוּ אַחַר פְּטִירַת הָאָדָם כָּל זְמַן שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה עֲדַיִן לָבוֹא לִמְקוֹם מְנוּחָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת עֲדַיִן אֵינוֹ בְּעָלְמָא דִּקְשׁוֹט. אַדְּרַבָּה עִקַּר עָנְשׁוֹ וְיִסּוּרִים עַל יְדֵי הַמְחַבְּלִים

**עס שטייט אין "זוהר הקדוש"[ל], פון וואנעט נעמען זיך די מחבלים דארטן? זאגט דער "זוהר הקדוש", עס נעמט זיך פון רשעים.**

**שטייט אין "זוהר" די קשיא, אם־כן איז זיי דארטן גוט? זיי זענען מחבלים און זיי טוהען אנדערע אָן צרות? ענטפערט דער "זוהר הקדוש", א גאנצן טאג זענען זיי אין גיהנום, נאר א חלק טאג האבן זיי די זאך וואס מען מאכט זיי פאר 'מחבלים' זיי זאלן אנטוהן אנדערע רשעים צרות.**

**איז דארטן דא מחבלים, מתנגדים. אז עס קומט איינער אהין א ברסלבער חסיד, הויבן זיי אָן רעדן רח"ל דיבורים. פלעגט מען אריינזאגן: "דו זאלסט וויסן, דו ביסט א ברסלב'ער חסיד, און דארטן איז דא מתנגדים, קליפות, דו זאלסט זיך נישט לאזן איינרעדן, דו זאלסט זיך האלטן!" - אזוי פלעגט מען אריינרעדן אין קבר.**

**אַה, ווערליג דער מענטש איז זיך מתדבק אין דער וועלט, אזוי איז ער דארטן אויך[לא]; אז ער ליגט מער אין רבי'נס זאך, מער מיט די עצות, איז ער דארטן אויך, לאזט ער זיך נישט איינרעדן.**

**אויך ביי דעם ר' נח ביי רבי מענדעלע'ן** (וויטעפסקער) **איז געווען דאס אייגענע - עס שטייט אין "חיי מוהר"ן"[לב].** (אחד הנוכחים: ער האט זיך נישט געלאזט), **ער איז געווען רבי מענדעלע'ס א חסיד, ער האט געוואלט נאר פארן און נאר פארן!** (ר' אברהם: ער האט געזאגט 'ער איז דער בעל־בית'!) **יא, 'איך בין בעל־הבית'!**

---

שֶׁמּוֹלִיכִין אוֹתוֹ בְּעוֹלַם הַתֹּהוּ וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ עֲדַיִן הוּא בְּזֶה הָעוֹלָם, וּמַטְעִים אוֹתוֹ בְּכַמָּה הַטְעָאוֹת כַּמְפֻרְסָם בִּסְפָרִים) **אֲבָל** אִם הָאָדָם חָזָק בְּדַעְתּוֹ וְאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵיהֶם וּמִתְעַקֵּשׁ עַצְמוֹ וְאוֹמֵר אֵינִי שׁוֹמֵעַ לָכֶם וַאֲנִי רוֹצֶה דַּיְקָא לֵילֵךְ וְלָבוֹא אֶל הַצַּדִּיק הֵם מֻכְרָחִים לְהַנִּיחַ אוֹתוֹ וְאֵינָם יְכוֹלִים לְמָנְעוֹ מִזֶּה בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי עִקַּר הַמְּנִיעוֹת שֶׁהֵן מוֹנְעִין הוּא רַק מַה שֶּׁמַּטְעִין אוֹתוֹ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל; עיין גם שם אות ש"ט.

[ל] פר' אחרי דף ע' ע"א.

[לא] עיין חיי מוהר"ן שם: מִי שֶׁהוּא חָזָק בְּזֶה הָעוֹלָם בֶּאֱמוּנָה בְּהִתְחַזְּקוּת הָאֲמִתִּית יִזְכֶּה גַּם שָׁם לָזֶה. כִּי **כְּפוּם מָה דְּאִתְדַּבַּק בַּר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא כֵּן הוּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי**, וְאָז בְּוַדַּאי לֹא יוּכַל לִמְנֹעַ אוֹתוֹ שׁוּם מוֹנֵעַ מִלֵּילֵךְ לְהַצַּדִּיק גַּם מִשָּׁם; גם עיין ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ע"ח: **אַשְׁרֵי לְמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב בְּעוֹדוֹ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ לַצַּדִּיק הָאֱמֶת, אַשְׁרֵי לוֹ, אַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.** [כִּי אַחַר כָּךְ (הַיְנוּ לְאַחַר מִיתָה) קָשֶׁה אָז מְאֹד לְהִתְקָרֵב, וּצְרִיכִין מְאֹד לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים מְאֹד, שֶׁיִּזְכֶּה בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת].

[לב] שם, עיין שם תוכן הסיפור באריכות.

דערווייל אז דער אויבערשטער העלפט, אוי אוי.

## אייביג ביים רבי'ן

דער שוחט וואס האט געמאכט א שטול דעם רבי'ן[לג] א האלב יאר, אלע טאג האט ער אינזין געהאט דעם רבי'ן, ער האט געמאכט אלע טאג א שעה. האט דער רבי געזאגט: **"האסטו מיך אלע טאג אינזין געהאט א שעה?!"** ער האט אינזין געהאט דעם רבי'ן אלע טאג א שעה.

דער שטול אליין, האב איך געהערט, דער רבי איז נישט אזוי נתפעל געווארן פון דעם שטול; נאר, **"האסטו מיך אינזין געהאט א האלבע יאר אלע טאג א שעה?!"**.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט אפלאזן דעם רבי'ן, זיך אנכאפן מיט וואס מען קען, און וואס מערער, וואס מערער, וואס מערער, תפילה, תורה און תפילה, צדקה, 'כאפ זיך אָן', דאס איז די 'תקוה', דאס איז די האפענונג. נישט אזוי גיך קען מען קומען צום רבי'ן, אבער צום סוף[לד] - -

נאר איין רבי נתן איז געווען וואס נאך איידער ער איז געקומען לקבורה, ער איז נפטר געווארן פרייטאג פארנאכט, איז אויף דער נאכט האט אים געזעהן רבי נפתלי (בחלום) ווי ער לויפט. (שאל אותו:) **"אוואו לויפסטו?"** - **"איך? גלייך צום רבי'ן!"**.

פלעגט זאגן טאקע רבי אברהם ר' נחמנ'ס: **"פארוואס האט ער געקענט זיין גלייך צום רבי'ן? ווייל ער איז געווען ביים לעבן גלייך צום רבי'ן!"**[לה].

**'גלייך' איז פשט, ער האט נישט געהאט קיין שום קרומקייט! גלייך! ער איז געווען ביים לעבן - א גאנצן לעבן - גלייך צום רבי'ן, קען ער דארטן אויך זיין גלייך צום רבי'ן!**

---

[לג] עיין חיי מוהר"ן אות פ"ד.

[לד] עיין עלים לתרופה בכמתב מר' נפתלי תלמיד רבינו מיום ה' כי תצא, מש"ש בא"ד בזה"ל: וְיָדַעְתִּי בְּקַבָּלָה אֲמִתִּית אֲשֶׁר בְּסוֹף כָּל סוֹף כִּכְלוֹת בְּשָׂרֵנוּ וּשְׁאֵרֵנוּ וְהָרוּחַ תָּשׁוּב אֶל הָאֱלֹקִים וְכוּ' אָז נִתְוַדַּע כֻּלָּנוּ יַחַד בִּמְקוֹם חַיּוּתֵנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עַל כֵּן הִנְנִי מְזָרְזוֹ וּמְחַזְּקוֹ עַד שֶׁיִּפְרַח הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים יֵלֵךְ וְיָבוֹא לְהַצִּיּוּן הַקָּדוֹשׁ.

[לה] עיין זוהר שמיני דף ל"ט ע"ב מה שביאר עה"פ "וחיכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובבי שפתי ישנים", עיי"ש.

(אחד הנוכחים: רבי נתן האט אמאל אנגעוויזן אויף א ליידיגן פלאץ נעבן דעם ציון) **יא, אויף זיך**[לו]**; "אז מען וועט וועלן רעדן צו מיר" - ער האט זיך אויסגעדרייט אהערצו - "וועט מען קענען רעדן דא צו מיר!".**

(רלוי"צ מצייר:) **אמאל איז א שטיבעלע געווען** (על הציון)**, דא איז געווען דעם רבי'נס ציון, און דא אהערצו איז געווען נאך א ליידיגער פלאץ. האט רבי נתן געזאגט: "צום רבי'ן - איז דא; וועט מען וועלן רעדן צו מיר, [ער האט אויסגעדרייט זיך], קען מען רעדן אט דא!", אין דער האלבער זייט פון דעם רבי'נס ציון וואס איז ליידיג.**

(ר' לוי"צ מצייר איך היה הציון)**. האט רבי נתן געזאגט: "אז מען וועט וועלן רעדן צו מיר - אט בין איך!".**

(ר' מאיר: ער האט געמיינט לאחר פטירתו?) **יא, ער איז דארטן ביים רבי'ן.**

## מקום קבורת מוהרנ"ת

רבי נתן האט געזאגט: "אז מען וועט דורכפירן א נפטר דורך אים, וועט אים זיין א טובה!". דערפאר ליגט טאקע רבי נתן באלד ביים אנהויב פעלד.

אז רבי נתן האט אזוי געזאגט, האבן אונזערע לייט געזעהן אז אויב רבי נתן וועט ליגן אינמיטן פעלד וועט מען דאך נישט יעדן נפטר דורכפירן, נאר אז ער וועט ליגן באלד (ביים אנהויב).

רבי אהרן דער רב ליגט אינמיטן פעלד, איך בין געווען דארט. רבי אהרן דער רב מיט רבי הערש לייב (בנו) ליגן איינער לעבן דעם אנדערן.

(ר' מאיר: אין אַן אוהל?) ניין, אזוי ווי ביים בעל־שם הקדוש, פיר עמודים'לעך מיט א שטיקל דעכל.

איז רבי אהרן דער רב האט געקויפט לעבן זיך א פלאץ פאר רבי נתן'ען אינמיטן פעלד, ער האט געוואלט ליגן לעבן רבי נתן'ען. אבער רבי נתן ר' לייבעלע ראובן'ס -

---

[לו] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תרע"ח בזה"ל: "וויל מען רעדן מיטן רבין - איז דא; וויל מען רעדן מיט מיר - איז דא!".

דער פון די בריוון "נתיב צדיק", ער איז געווען א שארפער חסיד פון רבי נתן'ען, און אז רבי נתן האט אזוי געזאגט "אז מען וועט דורכפירן א נפטר דורך אים וועט אים זיין א טובה", האט ער פארשטאנען אז רבי נתן דארף נישט ליגן דארטן אינמיטן פעלד, 'וואספארא נפטר וועט מען דארטן דורכפירן?!'.

אז רבי נתן איז נפטר געווארן איז ער ארויף באלד 'מוצאי שבת' און געהייסן אויסגראבן דעם קבר דארטן וואו רבי נתן ליגט. נו, די חברה קדישא האבן דאך גארנישט געוואוסט. שוין.

האט רבי אהרן דער רב געזאגט: **"איך וועל אים נישט מוחל זיין, נישט 'בעלמא הדין', נישט 'בעלמא דאתי', ער האט ביי מיר צוגענומען מיין אמת'ן חבר!"**.

(השואל: מען פלעגט אמאל גיין צום ציון פון רבי נתן'ען?) **מיר זענען געגאנגען, מיר זענען געפארן, מיר זענען אסאך מאל געווען עשרה-בטבת ביי רבי נתן'ען אויפן ציון, און אינמיטן יאר; אוודאי, מיר זענען דאך געווען דארטיגע, האט מען דאך אלעס געוואוסט.**

(ר' מאיר: אבער ביי רבי אברהם ר' נחמנ'ס קבר - נישט!) **נישט דערפאר ווייל מען איז נישט געגאנגען, נאר ווייל עס איז געווען אנדערע קברים אויך אסאך.**

רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז קיינמאל נישט געווען ביי זיין טאטן. האט ער אזוי געזאגט: "מיין טאטע איז א צדיק, מען מעג צוגיין צו זיין קבר; נאר וואס דען, ארום און ארום איז אנדערע קברים", האט ער נישט געוואלט. ווידער האט ער געזאגט: **"אז איך גיי צום רבי'ן, רעד איך צום טאטן, דער טאטע איז ביים רבי'ן!"**.

(השואל: וואס איז דער פשט, אז ארום און ארום איז דא קברים - איז וואס?) **גרויסע מענטשן היטן זיך זייער.**

## נישט געלאזט זיך מאכן א פעלץ

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט דאך געהאט יארצייט כ"ו ניסן נאכן טאטן. ר' נחמן

**טולטשינער** (אביו) **האט דאך אפגעהיט דעם ׳נר תמיד׳**[לז]**. האט מען צוגעהערט, פלעגט רבי אברהם זאגן ביים רבי׳ן אויפן ציון, עס זאל אים זיין א זכות וואס ער האט אפגעהיט דעם ׳נר תמיד׳.**

**אויך א תמימות ופשיטות, רבי נחמן טולטשינער האט דאך געהאט גוטע זכותים!**

**דארטן אפהיטן דעם ׳נר תמיד׳ איז געווען אַן עבודה, ווינטער אין די שנייען מיט די גליטשן, מיט די פרעסט.**

**ר׳ נחמן טולטשינער האט געהאט דארטן א פּראָסטן פעלצל. האט איינער געוואלט אים מאכן א שיינעם, איבערציהען א שיינע דעקע, האט ער געזאגט: ״ניין, איך גיי דאך צום רבי׳ן אויפן ציון אנצינדן דעם ׳נר תמיד׳; און אין א גליטש זעץ איך זיך אוועק אויבן און איך גליטש זיך אראפ; אז איך וועל האבן א שיינע זאך וועל איך דאך שוין מורא האבן אז איך וועל עס קאליע מאכן, וועל איך שוין גיין ווינציגער צום רבי׳ן אויפן ציון!״.**

(השואל: ווי אזוי פלעגן זיי אראפגיין צוריק - פארשטיי איך נישט, עס איז ממש א בארג!?) **אזוי, מען האט זיך געדראַפּעט אויף די הענט און אויף די פיס...**

**עס גייט דארט ניין־און־פערציג טרעפ(!) ארויפצוגיין צום רבי׳ן אויפן ציון. ווינטער אז עס איז א גרויסע שניי, און נאכדעם ווערט א פראסט, ווערט די שניי אזוי ווי א גליטש, איין אויסגוס, מען קען נישט ארויפגיין, האט מען זיך געדראפעט אזוי אויף די הענט און אויף די פיס.**

**אמאל, אפילו מען איז שוין געווען אויבן - אינמיטן איז מען צוריק אונטן, אראפגעפאלן... עס איז נישט געווען אין וואס זיך אנצוהאלטן. מען פלעגט אמאל אנשמירן די הענט מיט אזא מין זאך וואס גליטשט זיך נישט, א מין זאלץ, א מין זאמד, מען זאל זיך קענען אנכאפן אביסל. [עס שטייט דארטן**[לח]**, דער מזבח איז אויך געווען**

---

[לז] עיין כוכבי אור שו״ס ב׳: **וּבְרֹב שְׁקִידַת אָבִי עַל דַּלְתֵי תְּמִידוּת הַנֵּר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַנַּ״ל**, חָקַר וְדָרַשׁ גַּם בִּדְבַר הַפְּתִילָה אֵיךְ לַעֲשׂוֹתָהּ, וְאוֹדוֹת הַכְּלִי שֶׁלֹּא תִּהְיֶה רְחָבָה יוֹתֵר מִכְּפִי שֶׁנִּסָּה וּבָחַן לְכָל זֶה (כִּי בְּמִעוּט רָחְבָּהּ נִתּוֹסֵף בְּכָל שָׁעָה נְקֻדָּה חֲדָשָׁה מֵהַפְּתִילָה כַּנּוֹדָע לְהַבָּקִי בָּזֶה). וְגַם שֶׁלֹּא תִּהְיֶה הַכְּלִי קְצָרָה יוֹתֵר מִדַּאי.

[לח] עירובין דף ק״ד ע״א.

אויסגעשיט מיט זאלץ כדי מען זאל זיך נישט אראפגליטשן]. פלעגט מען אמאל אויסשיטן מיט זאמד און אנגעשמירט די הענט, עס זאל זיך אביסל צוקלעבן צו די פראסט.

(ר' מאיר: וואו איז געווען די טרעפ?) פון דער שול; עס איז געווען אראפ א טאל און ארויף; אינמיטן איז געווען א קליין טייכעלע. נאכדעם האט ר' אייזיק (אייזנשטיין, מאומאן) געמאכט דארטן א בריקל, פריער איז קיין בריק אויך נישט געווען, מען האט געדארפט אריבערגיין די וואסער.

(רלוי"צ מצייר:) דאס איז די שול, און דאס איז דער ציון, עס איז געווען א טאל אראפ, און די טרעפ איז געווען ארויף צום ציון.

## דעם רבי'נס א דיבור

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט: "יעדעם 'דיבור' וואס עס איז ארויסגעקומען 'מפיו הקדוש' פון דעם רבי'ן, דער 'דיבור' איז איצטער, און ער וועט זיין 'לעתיד', און ער וועט זיין 'לאחר התחיה' אויך!"[לט] 'לאחר התחיה' וועט אויך זיין דער 'דיבור'.

דאס 'דיבור' וואס איז ארויסגעקומען 'מפיו הקדוש' איז דאך אזא מין 'דיבור' וואס ער איז אלקות, 'אלקות' איז דאך 'נצחיות', דער 'דיבור' איז אלקות, וועט 'לאחר התחיה' אויך זיין דער 'דיבור'.

פארשטייט מען דאך מיט אנדערע 'סיבובים' וואס דעמאלט וועט זיין, מען קען זיך דען אויסמאלן וואס עס וועט זיין 'לאחר התחיה'?! אבער דער 'דיבור' איז אזא מין 'נצחיות', אזא מין 'אמת', אזא 'אלוקות', אז ער וועט קיינמאל נישט ווערן נפסק.

אז דער 'דיבור' איז אזוי חשוב, אזא מין 'נצחיות', אז דער 'דיבור' וועט זיין אפילו 'לאחר התחיה', דארף מען דאך אוודאי זעהן אז יעדעם 'דיבור' פונעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז זייער חשוב!

---

[לט] עיין שיחות הר"ן אות קפ"ה: וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: כָּל הַנְהָגָה וְהַנְהָגָה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא סְגֻלָּה, וְתִקּוּן, וּמוֹעִיל עַל מַה שֶּׁעָבַר, וְעַל הֶעָתִיד, וּלְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת שֶׁל הָאָדָם, וְלִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וְלִתְחִיַּת הַמֵּתִים, וְלֶעָתִיד לָבוֹא.

אז דער 'דיבור' איז ארויס 'מפיו הקדוש', דארף אונז זיין זייער חשוב דער 'דיבור'; אפילו איך קען דעם 'דיבור' נישט מקיים זיין, אבער דער דיבור זאל זיין ביי מיר חשוב; איך זאל בעטן דעם אויבערשטן איך זאל אים קענען מקיים זיין, אפילו איך קען אים נישט מקיים זיין, עס איז ביי מיר שווער, אבער דער 'דיבור' איז א 'דיבור', דער 'דיבור' איז 'אמת', און איך דארף האלטן ביי דעם 'דיבור', איך דארף 'וועלן' דעם 'דיבור'.

אין 'מצוות התורה' איז אויך דא מצוות וואס איז אביסל שווער צו מקיים זיין, אבער דער 'דיבור' איז דאך א 'דיבור'!

דערפאר טאקע איז רבי נתן געווען רבי נתן! רבי נתן האט געהאט אזא מין סארט אמונה אין דעם רבי'ן, יעדעם 'דיבור' פונעם רבי'ן איז געווען ביי אים בחשיבות, יעדע זאך.

דער רבי האט געזאגט טאקע[מ]: "איר דארפט אים זייער דאנקען, ווען נישט ער וואלט פון מיר נישט געבליבן קיין איין בלעטל שמות!".

פארוואס? ווייל ביי רבי נתן'ען איז יעדעם ווארט געווען ביי אים אזוי חשוב, דערפאר איז געבליבן טאקע![מא]

אינגאנצן די השארה פונעם רבי'ן וואס מיר האבן היינט, דאס אז עס איז געווען אין אומאן א ראש־השנה, מען איז געפארן, איז דאך אלץ נאר דורך רבי נתן'ען!

דעם לעצטן ערב ראש־השנה האט ער געהערט פון דעם רבי'ן די 'דיבורים' (בגודל יקרת ראש השנה שלו). ח"י תשרי איז שוין דער רבי נפטר געווארן, בחיי רבינו איז דאך

---

[מ] חיי מוהר"ן אות שס"ט-ש"ע: גַּם שֶׁלֹּא בְּפָנַי דִּבֵּר עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁיֵּשׁ לִי חֵלֶק גָּדוֹל בְּהַסֵּפֶר (טַאקֶע גָאר), וְאָמַר שֶׁרָאוּי לָהֶם לְהַחֲזִיק לִי טוֹבָה, כִּי אִם לֹא הָיִיתִי עוֹסֵק בָּזֶה לֹא הָיָה נִשְׁאָר אֲפִלּוּ עָלֶה אֶחָד מִסְּפָרָיו ... עָנָה וְאָמַר אַתֶּם יוֹדְעִים זֹאת שֶׁאִם לֹא הָיָה הוּא לֹא הָיָה לָכֶם אֲפִלּוּ עָלֶה אֶחָד מֵהַסֵּפֶר. (וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, וֶוען נִיט עֶר, וָואלְט אִיר נִיט גִיהַאט אַבְּלֶעטְל שֵׁמוֹת).

[מא] עיין חיי מוהר"ן אות שנ"ז: **וְכַמָּה פְּעָמִים הִזְהִיר לִכְתֹּב כָּל שִׂיחָה וְשִׂיחָה שֶׁשּׁוֹמְעִין מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ**, וְאָמַר בִּשְׁלָמָא דְּבָרִים הַנִּכְתָּבִים בְּסֵפֶר, אִם לֹא יִזְכֹּר אוֹתָם עַכְשָׁו יוּכַל לִרְאוֹתָם וְלִלְמֹד בָּהֶם בְּפַעַם אַחֵר, אֲבָל כָּל הַדְּבָרִים שֶׁאַתֶּם שׁוֹמְעִים מִפִּי, שׁוּב לֹא תִּשְׁמְעוּ עוֹד פַּעַם אַחֶרֶת לְעוֹלָם. עַל כֵּן בְּוַדַּאי אַתֶּם צְרִיכִין לִזְכֹּר מְאֹד כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר, וְלִכְתֹּב הַכֹּל כָּל שִׂיחָה וְסִפּוּר (וּמֵחֲמַת זֶה הִתְחַלְתִּי לִכְתֹּב קְצָת שִׂיחוֹת שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּעַצְמוֹ אוֹ עַל יְדֵי אֲחֵרִים, אֲבָל לֹא נִכְתַּב חֵלֶק מֵאֶלֶף).

**שוין נישט געווען קיין ראש־השנה מער, דער רבי איז דאך דעם אנדערן ראש־השנה מער נישט געווען.** (מיט דעם אלעם) **האט דער רבי אזוי פיל גערעדט פון ראש־השנה: "איך ווינטש זיך" - 'אחלי' - "צו זעהן די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס איר פארט צו מיר אויף זיי!"**[מב] **ער האט אלץ גערעדט פון ראש־השנה.**

**האט רבי נתן געזעהן אז דער רבי וויל אז מען זאל ווייטער פארן!**[מג]

**אזוי האט ער גערעדט: "איך ווינטש זיך" - 'אחלי'; א זאך וואס דארף איצטער קומען 'ווינטש איך זיך'.**

**"איך ווינטש זיך צו זעהן די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס איר פארט!".**

**וואס איז שייך דער ווארט 'ווינטש איך זיך'?! ברוך ה' די אלע וואס זענען געווען ביים רבי'ן דעמאלט, די אלע תלמידים, [חוץ רבי אהרן דער רב איז נישט געווען, אבער] די אלע האבן פארשטאנען דערפון, זענען זיי טאקע געקומען דעם אנדערן ראש־השנה** (לאחר הסתלקותו).

**עס האט זיך אלץ גענומען דערפון, דאס חשיבות פונעם רבי'ן איז געווען געוואלדיג גרויס, האט דער אויבערשטער געהאלפן אז מען האט טאקע איינגעפלאנצט, עס איז געווארן א ראש־השנה!**

**טאקע רבי יודל איז געווען אזוי שטארק אין ראש־השנה, האט ער געוואלט ווייזן דעם ערשטן ראש־השנה** (לאחר הסתלקותו) **אז מען זעהט דעם רבי'ן, אז דער רבי איז דא מיטן 'קיבוץ'**[מד]**, האט ער זיך צוגעגרייט דערצו. נאר איבער איינעם איז עס**

---

[מב] חיי מוהר"ן אות רצ"א: **וּבְעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן** בְּאוּמָּן דִּבֵּר מִזֶּה וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן. (אִיךְ ווִינְטְשׁ מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין וָואס אִיר פָארְט אוֹיף זֵייא צוּ מִיר) אַחֲלַי שֶׁאֶזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר בְּהִירוּת הַדֶּרֶךְ שֶׁאַתֶּם נוֹסְעִים עָלָיו אֵלַי.

[מג] עיין ימי מוהרנ"ת ח"א אות ס"ז: גַּם נִתְחַזַּקְתִּי תֵּכֶף שֶׁאֲנַחְנוּ צְרִיכִים לְהִתְקַבֵּץ יַחַד עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּאוּמָּן כְּמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתוֹ וְהָיוּ לִי עַל זֶה כַּמָּה רְאָיוֹת מְבֹאָרוֹת מִדִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים; גם עיין חיי מוהר"ן שם, ובאות ת"ו; ובפרפראות לחכמה תורה ס"א, אות ט"ו.

[מד] עיין ליקוטי תפילות - תפילה כ"ב בא"ד: וּתְעוֹרֵר לֵב נִשְׁמַת כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים אֲשֶׁר נִשְׁמָתָם בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים בְּרוּם הַמַּעֲלוֹת בָּעוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים הַקְּדוֹשִׁים **שֶׁכָּל נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים הָאֲמִתִּיִּים יֵרְדוּ לְמַטָּה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיִהְיוּ עִמָּנוּ בְּקֶרֶב עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל** וְיַעַזְרוּ אוֹתָנוּ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה.

איבערגעשלאגן געווארן, איינער פונעם 'קיבוץ' האט מעכב געווען דער זאך, האט ער עס נישט געקענט ווייזן.

## ר' אורי מיאס

בחיי רבינו איז ר' חייקל געווען דער חזן ביים רבי'ן. אבער אויך נישט בקביעות, נישט אלעמאל. דער רבי האט געקענט הייסן אמאל איינעם דאווענען פארן עמוד וואס יענער האט זיך גארנישט צוגעגרייט זיך, יענער האט גארנישט געקענט קיין נוסח אויך.

ר' אורי פון יאַס[מה], ער איז געווען דעם רבי'נס א חסיד, ער פלעגט פארן צום רבי'ן פון יאַס. אז ר' נחמן טולטשינער איז געווען דארטן אין יאַס אין ראמעניע[מו], האט אים ר' אורי דערציילט פון זיך:

אז ער איז געקומען צום רבי'ן אלס יונגערמאן נאך דער חתונה, האט ער מיטגענומען מיט זיך דעם נדן. עס קען זיך דאך מאכן א גניבה, האט ער מיטגענומען מיט זיך דעם נדן.

האט ער דערציילט, אז ער איז געקומען אויף ראש־השנה, איז געווען ר' זלמן - דעם רבי'נס א חסיד, ער איז געווען א 'חלפן', א 'שולחני' וואס בייט געלט. א 'חלפן' דארף דאך האבן אסאך געלט צו בייטן, נאכדעם גיט ער עס אפ צוריק. האט ר' זלמן געבעטן דעם ר' אורי: "דו קומסט דאך אויף ראש־השנה, באָרג מיר דארטן דיינע געלט, און נאך ראש־השנה וועל איך דיר עס אפגעבן קריק!".

(ר' מאיר: דאס איז געווען ר' זלמן דער קליינער?) דאס איז געווען אַן אנדערער.

הכלל, האט ער אים געבארגט, פארוואס נישט?! און ר' זלמן האט געהאט א גניבה, מען האט ארויסגעכאפט די געלט, דארטן די גוים האבן ארויסגעכאפט די געלט ביי אים, און ער האט נישט געהאט אפצוגעבן.

---

[מה] מוזכר בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ט בשם 'ר' עירא' בין העובדי ה' מתלמידי רבינו.

[מו] כדי להדפיס שם כרך ראשון של ליקוטי הלכות (או"ח, ח"א) כמובא בכוכבי אור שו"ס אות מ"ז, עיי"ש.

אבער ער האט גענומען ביים רבי'ן אויך, ער האט ביים רבי'ן אויך געבארגט געלט, האט ער דאס ערשטע אפגעגעבן דעם רבי'ן די געלט, און ר' אורי'ן איז ער געבליבן שולדיג.

האט ר' אורי אנגעהויבן צו שרייען, "געוואלד, איך קען דאך נישט אהיימקומען, איך האב דאך נישט דעם נדן, מען וועט דאך מיר נישט אריינלאזן אין שטוב אריין!". אמאל איז א 'נדן' געווען - - האט ער אנגעהויבן זייער צו שרייען.

האט דער רבי געהערט. (חסר). ר' זלמן האט געהאט אפגעגעבן דעם רבי'ן, נאר ווייל ער האט געשריגן האט דער רבי אים אוועקגעגעבן דאס געלט.

איז רבי נתן צוגעגאנגען צו ר' אורי'ן: "דו נעמסט צו דעם רבי'נס געלט?!". ער האט דאך דאס אפגעגעבן דעם רבי'ן. האט רבי נתן אים אזוי געטוהן אז ער האט געמוזט אפגעבן דעם רבי'ן די געלט צוריק.

רבי נתן האט געוואוסט וואס עס הייסט 'דעם רבי'נס געלט'; דער רבי רעדט דארטן וועגן די 'גוונין עילאין'[מז].

ר' זלמן האט דאך געהאט אפגעגעבן דעם רבי'ן, נאר ווייל ער האט געשריגן האט עס אים דער רבי אוועקגעגעבן.

האט ר' אורי געזאגט, ער איז אוועקגעפארן פון דעם ראש-השנה אויף רבי נתן'ען אביסל אזוי, (מיט א שווער הארץ).

ער איז געווען א גדול דער ר' אורי. דער רבי איז אמאל צוגעגאנגען צו ר' אורי'ן ערב ראש-השנה און זאגט אים: "אורי, גיי אריין צו חייקל'ען איבער'חזר'ן אביסל דעם נוסח, וועסטו דאווענען מארגן שחרית!".

ער האט קיינמאל נישט געקענט דאווענען, א איד אַן עובד ה', ער ווייסט גארנישט פון קיין נוסח. נו, ער מוז דאך אבער פאלגן דעם רבי'ן, איז ער צוגעגאנגען צו שחרית, 'געשריגן און געוויינט'.

---

[מז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ה אות ד'; שם סי' נ"ו אות ה'.

איינער וואס קען נישט קיין נוסח ווערט נאך מער פארמאטערט, דער נוסח פירט אים אביסל, אבער אז ער קען נישט דעם נוסח, שרייט ער און ווערט נאך מער פארמאטערט.

נאכן דאווענען איז ער געווען זייער פארמאטערט, ער האט גארנישט געקענט אפילו רעדן, אזוי פארמאטערט איז ער געווען, האט ער געכאפט אביסל א דרימל.

ער כאפט זיך אויף, דער עולם איז שוין אין מקוה, מען גייט שוין מאכן די תקיעות דארטן. איז ער אראפגעלאפן אין מקוה אריין. ער קומט צוריק - רבי נתן זוכט אים - 'רבי נתן זוכט ר' אורי'ן': **"אורי, דער רבי האט געהייסן דו זאלסט צוגיין דאווענען מוסף אויך!"**.

מוסף? ער קען גארנישט, ער ווייסט גארנישט. זאגט אים רבי נתן: **"דער רבי האט געהייסן, דער רבי האט געהייסן!"**. שוין. איז ער צוגעגאנגען, ער האט געדאוונט מוסף אויך.

פארשטייט מען דאך ווי ער האט געדאוונט מוסף - [דער 'מוסף' איז שוין געווען אינגאנצן אויסגעווייקט מיט טרערן]. נאכן דאווענען איז דער רבי צוגעגאנגען צום אים און אים געקלאפט אין דער פלייצע: **"אורי, דו האסט געמאכט גוט! דו האסט געמאכט גוט!"**.

דער רבי פלעגט אריינרופן אויף קידוש ראש־השנה אי דעם 'בעל־שחרית' אי דעם 'בעל־מוסף'. (האט דער רבי געזאגט ר' אורי'ן:) **"נאָר דיר קומט דאך צוויי מאל קידוש, דו האסט געדאוונט אי 'שחרית' אי 'מוסף'!"**; דאס האט ער אליין דערציילט רבי נחמן טולטשינער.

ר' חייקל איז געווען א חזן, א שיינער בעל־תפילה. דער רבי האט דאך געזאגט ר' חייקל'ען: **"דו וועסט זיין א חידוש אין דיין זאך** (- חזנות) **אזוי ווי איך אין מיין זאך!"**[מח].

---

[מח] עיין שיח שרפי קודש (ישן) ח"ה, אות ס"ח: רבינו אמר פעם לרבי חייקל: הייתי רוצה שתקבל על עצמך משרת החזנות, **ותהיה אתה חידוש בענין שלך כמו שאני חידוש בענין שלי**, כי המשיך לו רבינו כח הנגינה משרשה, ולא הסכים לזה רבי חייקל כי לא היה הדבר לפי כבודו שיתפרנס מתמיכתן של אחרים וכו' וכו'.

און אמאל האט דער רבי געהייסן איינעם וואס קען גארנישט קיין נוסח, ער ווייסט גארנישט.

"וואס האסטו געזאגט?" - "איך האב נאר געשריגן און געוויינט, געשריגן און געוויינט!".

נו, דער רבי האט דאך געוואוסט ווער ער איז; 'נו, האסטו גוט געמאכט, דו האסט גוט געמאכט!'.

דער רבי האט יא ליב געהאט נוסח, דער רבי האט געהאלטן פון נוסח; אבער אמאל איז אזוי געווען.

## 'הכל לפי גודל האמת'

דער אמת וואס ס'איז געווען ביים רבי'ן - דער רבי האט געזאגט[מט]: **"איך האב אייך אריינגעבראכט אסאך אמת!"** דאס איז עפעס 'עולה על הכל', דאס איז 'עולה על הכל'!

דער 'אמת' וואס דער מענטש רעדט ארויס מפיו, ווער שמועסט ווען עס קומט די הייליגע טעג, דאס איז עפעס געוואלדיג 'בוקע רקיעים', דאס שפאלט אלע הימלען!

דער ר' אורי איז געווען; אז דער רבי האט געזאגט 'דו האסט געמאכט גוט, דו האסט געמאכט גוט', מיינט דאס - אויבן, למעלה, געמאכט גוט!

אויבן ווערט מען נאר נתפעל פון 'אמת'; וואס מען האט אין זיך מער 'אמת', איז אויבן מער התפעלות[נ]; ביי יעדער זאך איז אזוי; דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אויבערשטן; אויבן גלוסט מען דאך נאר צו 'אמת'.

דער רבי זאגט אין תורה קי"ב: "באיזה מדריגה נמוכה שהוא", אבי עס זאל זיין מיט 'אמת'[נא].

---

[מט] עיין חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

[נ] עיין ליקוטי מוהר"ן ס' ט' אות ג': וְדַע, שֶׁהַכֹּל לְפִי גֹּדֶל הָאֱמֶת, כִּי עִקַּר הָאוֹר הוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הוּא עֶצֶם הָאֱמֶת, וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת.

[נא] וזל"ש: וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה

עס שטייט, די אלע קלקולים פון פריער, וואס ער האט עפעס פוגם געווען, פארשטעלן דעם אמת, עס פארשטעלט דעם אמת. דער רבי רעדט אין תורה נ"א[נב]: מען קען גאר נישט רעדן קיין 'דיבור אמת' סיידן מען איז מזכך די דמיו.

פונדעסטוועגן איז פארהאן אמאל; דער רבי זאגט דאך 'באיזה מדריגה נמוכה שהוא'; כאטש ער איז נאך נישט 'מזכך דמיו', איז פארהאן אמאל איינער וואס ער איז ביי זיך אזוי פיל צובראכן, רעדט זיך ארויס א 'דיבור אמת'.

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט טאקע: דער רבי רעדט דארטן[נג]: "'והמשכיל המבין' זאל ער בעטן כל ימיו, שיזכה פעם אחד כל ימי חייו לדבר דיבור אחד של אמת'!", האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס א זאג געגעבן: "**על־פי רוב, דער 'דיבור אמת' כאפט זיך ארויס דייקא בעת ירידה!**".

מען רעדט דאך, אַן ערליכער איד אז ער האט א ירידה איז ער ביי זיך צובראכן, קען ער דעמאלט גיכער ארויסכאפן דעם 'דיבור אמת'.

און ווען? דער מענטש ווייסט נישט 'ווען', ער ווייסט נישט וועלכעס עס איז א 'ירידה' און וועלכעס עס איז נישט קיין 'ירידה'.

דערפאר האט רבי נתן געזאגט טאקע אזוי: "**איך וועל זאגן א פירוש אויף דעם שווערסטן 'מהר"ם שיף'; און אויף א מענטשן קען איך קיין פירוש נישט זאגן; ווארום דער עיקר איז דאך 'לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה', און ווער קען וויסן ווער עס האט דעם אמת'ן 'לב נשבר'? נאר דער אויבערשטער אליין!**"[נד].

---

וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, **בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא**.

[נב] וזל"ש: אִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר שֶׁקֶר, עַד שֶׁיְּעַכֵּר אֶת דָּמָיו. וֶאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר, כִּי אִם כְּשֶׁמְּזַכֵּךְ מִקֹּדֶם אֶת הַדָּמִים.

[נג] וזל"ש: וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו, שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו, לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה' כָּרָאוּי.

[נד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א' מש"ש רביז"ל, מי הוא זה שיכול לדון ולדעת מקומו של חבירו, עיי"ש; גם עיין שיחות הר"ן אות י"ד שאיש כשר הוא ענין אחר לגמרי אע"פ שהולך עם דקין וכרכשות ואיברים כשאר כל העולם, עיי"ש.

דארף מען נאר בעטן דעם אויבערשטן, 'אוי, וואס איך טוה זאל זיין מיט 'אמת', זאל כאטש זיין מיט 'אמת'!'.

די גמרא זאגט טאקע[נה], 'עיון תפילה מזכירין עוונותיו של אדם'; דריי זאכן; איינס איז 'עיון תפילה'. וואס איז 'עיון תפילה'? ער איז 'מעיין בתפילתו' - 'פארוואס ווער איך נישט געהאלפן, איך האב דאך געדאוונט?!' איז מען 'מזכיר עוונותיו', 'דיין תפילה איז אזוי חשוב אז דו ביסט שוין 'מעיין' פארוואס דו ווערסט נישט געהאלפן?!'[נו].

פארוואס? ווייל דער עיקר חשיבות איז דאך נאר דער 'אמת', און וואס ווייסטו צו עס איז מיט 'אמת'. א מענטש דארף טוהן און טוהן און עס זאל זיין מיט 'אמת'.

טאקע אט דאס איז אויך די גרויסקייט פון רעדן צום אויבערשטן 'דיבורים'; דער אויבערשטער איז דאך דער 'מקור האמת', ממילא ווערט נצמח אין דעם מענטש עפעס א נקודה פון 'אמת', ער האט עפעס א שייכות מיטן אויבערשטן, ער דערציילט אלצדינג דעם אויבערשטן, אלצדינג רעדט ער זיך אויס, ווערט אין אים נשרש עפעס א נקודה פון אמת - און דאס איז דער עיקר![נז]

**דאס איז דער עיקר חשיבות! אויבן גלוסט מען נאר צו 'אמת'!**

❖ ❖ ❖

---

[נה] ברכות נ"ה ע"א.

[נו] עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה אות מ"ו.

[נז] עיין השתפכות הנפש אות ע"ז (עפ"י ליקו"ה הל' יין נסך ה"ד): צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלַחֲקֹר מְאֹד אַחַר הָאֱמֶת כְּדֵי לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת **כִּי אוּלַי מַטְעֶה אוֹתוֹ דַּעְתּוֹ בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ לֹא טוֹב חַס וְשָׁלוֹם**, מֵחֲמַת שֶׁלֹּא זָכָה לְצַיֵּר אוֹר הַתּוֹרָה כָּרָאוּי, מֵחֲמַת שֶׁכְּלֵי הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ אֵינָם בִּשְׁלֵמוּת מֵחֲמַת פְּגַם הַבְּרִית **וְעִקַּר הַתִּקּוּן לְכָל זֶה הוּא צְעָקָה וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה וְהִתְבּוֹדְדוּת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, שֶׁצְּרִיכִין לִצְעֹק הַרְבֵּה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, כְּמוֹ שֶׁצָּעַק דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הַרְבֵּה עַל זֶה, הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר וְכוּ' הוֹרֵנִי ה' דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְכוּ' שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנוּ וְכֵן הַרְבֵּה מְאֹד. **כִּי צְרִיכִין לִזְכּוֹת גָּדוֹל וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים וְהִשְׁתַּדְּלוּת וִיגִיעָה גְּדוֹלָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, שֶׁיִּזְכֶּה לֵילֵךְ בְּכָל עֵת בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ.**

# מעלת לימוד פוסקים

(לומד חיי מוהר"ן סימן פ"ב)

"שְׁנַת תקס"ז. בְּרֶסְלַב. פָּרָשַׁת וַיְחִי. אַחַר שֶׁהָיִיתִי מְקַדֵּשׁ הַלְּבָנָה בְּעַצְמִי"

- דאס זאגט רבי נתן אויף זיך;

"וְאָמַר לִי אִם הֱיִיתֶם שְׂמֵחִים הָיָה טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָעוֹלָם.

"אַחַר כָּךְ סִפֵּר זֹאת שֶׁרָאָה בַּחֲלוֹם, הָיוּ הוֹלְכִים חֲיָלוֹת רַבּוֹת מְאֹד וְהָיוּ פּוֹרְחִים אַחֲרֵיהֶם צִפֳּרִים רַבִּים מְאֹד, גֻּזְמָא גְּדוֹלָה, וְשָׁאַלְתִּי לְאוֹתוֹ שֶׁאֶצְלִי: 'עַל מָה הֵם פּוֹרְחִים הַצִּפֳּרִים שֶׁאַחֲרֵיהֶם?' וְאָמַר לִי שֶׁהוֹלְכִים לַעֲזֹר לְאוֹתָן הַחֲיָלוֹת. וְשָׁאַלְתִּי: 'אֵיךְ יַעַזְרוּ לָהֶם?' וְהֵשִׁיב לִי שֶׁהַצִּפֳּרִים הָאֵלּוּ מַנִּיחִין מֵעַצְמָם לֵחָה, שֶׁעַל יְדֵי אוֹתָהּ הַלֵּחָה נִסְתַּלְּקִים שֶׁכְּנֶגְדָּם; וּבָזֶה הֵם עוֹזְרִים לְאוֹתָן הַחֲיָלוֹת. וְהָיָה קָשֶׁה לִי זֹאת, הֲלֹא בַּמָּקוֹם הַהוּא שֶׁמַּנִּיחִין הַלֵּחָה נִמְצָאִים אוֹתָן הַחֲיָלוֹת גַּם כֵּן שָׁם וְיַזִּיק לָהֶם גַּם כֵּן.

"בְּתוֹךְ כָּךְ רָאִיתִי וְהִתְחִילוּ הַצִּפֳּרִים לְהוֹרִיד עַצְמָן לְמַטָּה עַד שֶׁעָמְדוּ כֻּלָּם עַל הָאָרֶץ, וְהָלְכוּ אַחֲרֵי הַחֲיָלוֹת וְהָיוּ מְלַקְּטִים מִן הָאָרֶץ בְּפִיהֶם. וְהַדָּבָר שֶׁלִּקְּטוּ הָיָה דָּבָר עָגֹל וְלֹא הָיָה דְּבַר מַאֲכָל. וְהָיָה קָשֶׁה לִי, אֵיךְ יָבוֹאוּ וְיֵלְכוּ אֵלּוּ הַצִּפֳּרִים אַחֲרֵי הַחֲיָלוֹת, כִּי בַּהֲלִיכָה הָאָדָם הוֹלֵךְ מְהֵרָה יוֹתֵר מִן הַצִּפֳּרִים, וּמַהוּ זֶה שֶׁמְּלַקְּטִים? וְאָמְרוּ לִי שֶׁזֶּה שֶׁמְּלַקְּטִים, מִזֶּה נַעֲשֶׂה לֵחָה הַנַּ"ל שֶׁמְּמִית אוֹתָן שֶׁכְּנֶגְדָּם כַּנַּ"ל, וּבְכָל מָקוֹם שֶׁמַּנִּיחִין הַלֵּחָה, עַל יְדֵי זֶה נִסְתַּלְּקִים וּמֵתִים שֶׁכְּנֶגְדָּם בְּמָקוֹם שֶׁהֵם (וְהָיָה קָשֶׁה לִי בָּזֶה כַּמָּה דְּבָרִים וְאֵינִי זוֹכְרָם).

"וְנִכְנַסְתִּי לְמָקוֹם מֻצְנָע וְרָאִיתִי שֶׁהָיָה פֶּתַח נָמוֹךְ מְאֹד, וְנִכְנַסְתִּי לְשָׁם וְשָׁכַבְתִּי עַצְמִי שָׁם וְלֹא הָיוּ שׁוּם חַלּוֹנוֹת בְּאוֹתוֹ הַחֶדֶר, וְהָיָה שָׁם חֹשֶׁךְ. וְנִכְנַסְתִּי לְשָׁם, שֶׁהָיִיתִי רוֹצֶה לְהִתְחַבֵּא, וְנֶחְבֵּאתִי שָׁם. בְּתוֹךְ כָּךְ הִתְחִילוּ לִכְנֹס לְשָׁם כָּל הַצִּפֳּרִים, וְהָיִיתִי רוֹצֶה לְגָרְשָׁם וְהָיִיתִי מַפְרִיחָם בְּיָדִי, וְעָמְדָה שׁוּנְרָא [חָתוּל] בִּפְנֵיהֶם. וְדֶרֶךְ הַצִּפֳּרִים לִבְרֹחַ מִפְּנֵי

הַשּׁוּנְרָא וּמֵחֲמַת זֶה נִכְנְסוּ כֻּלָּם לְתוֹךְ הַחֶדֶר. וְכָל מַה שֶּׁהָיִיתִי מַפְרִיחָם בְּיָדַי לֹא הוֹעִיל מֵחֲמַת הַשּׁוּנְרָא.

"וְשָׁאַלְתִּי עַל מָה הֵם בָּאִין לְכָאן, וְאָמְרוּ לִי שֶׁהֵם בָּאִין לְכָאן לִהְיוֹת לָהֶם פָּאקִין [אֲבַעְבּוּעוֹת]. וְשָׁאַלְתִּי: 'לָמָּה זֶה' וְאָמְרוּ לִי שֶׁהַלֵּחָה שֶׁל הַפָּאקִין, הִיא הַלֵּחָה הַנַּ"ל שֶׁמְּמִיתָה אוֹתָם שֶׁכְּנֶגְדָּם. וְשָׁאַלְתִּי: 'הֲלֹא מִפָּאקִין יְכוֹלִים לָמוּת מֵהֶם גַּם כֵּן?!' וְאָמְרוּ לִי שֶׁכֵּן הוּא בֶּאֱמֶת, וּמֵאוֹתָן הַנְּבֵלוֹת שֶׁמֵּתִין מֵהֶם, זֶה מַזִּיק לְאוֹתוֹ הַמָּקוֹם שֶׁהֵם מֵתִים שָׁם. וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל, כִּי יָרֵאתִי שֶׁלֹּא אֶגְוַע חַס וְשָׁלוֹם מִסִּרְחוֹן הַנְּבֵלוֹת, כִּי הָיוּ שָׁם צִפֳּרִים הַרְבֵּה מְאֹד, וְהָיִיתִי מִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה. בְּתוֹךְ כָּךְ עָבְרוּ עֲלֵיהֶם הַפָּאקִין וְחָזְרוּ לְבֻרְיָתָן וּפָרַח מִשָּׁם צִפּוֹר בְּשִׂמְחָה וְכֵן פָּרְחוּ כֻּלָּם אַחֲרָיו, וְנַעֲשָׂה צְעָקָה בָּעוֹלָם: 'מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב', וְגַם אֲנִי שָׁאַגְתִּי 'מַזָּל טוֹב'".

- 'האב איך אויך געשריגן 'מזל טוב'.

אפילו עס איז פארהאן אמאל א שיחה פונעם רבי'ן וואס מען האט עפעס א שטיקעלע געפיל, מען ווייסט 'עפעס' אין דער שיחה, גייט אלץ דער דיבור וואס דער רבי האט געזאגט: **"אזוי ווי די וואס זיי קריגן אויף מיר - ווייסן נישט פון מיר, אזוי די וואס ווייסן פון מיר - ווייסן אויך נישט פון מיר; נאר נתן, נפתלי אביסל!"**.

**אט די שיחה** (- חיי מוהר"ן הנ"ל) **פארשטייט דאך מען נישט וואס ליגט דא אין דער שיחה, און דאס וואס עס דאכט זיך אונז אז מען ווייסט יא, ווייסט מען אויך נישט.**

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "קיין שום זאך איז ביי אים נישט קיין בירור, נאר די דריי זאכן איז ביי אים א בירור: אז מען דארף זיין ביים רבי'ן ראש השנה; און אז מען דארף לערנען אלע טאג שולחן ערוך[נח]; און התבודדות[נט]!"

---

[נח] עיין שיחות הר"ן אות כ"ט: וְעַל לִמּוּד הַפּוֹסְקִים הִזְהִיר מְאֹד מְאֹד בְּיוֹתֵר מִכָּל הַלִּמּוּדִים; גם עיין שם אות קפ"ו: יֵשׁ הַנְהָגוֹת שֶׁצִּוָּה לִנְהֹג אוֹתָם **כָּל יְמֵי חַיָּיו**, כְּגוֹן לִמּוּד הַפּוֹסְקִים **שֶׁעַל זֶה הִזְהִיר בְּפֵרוּשׁ** לִנְהֹג זֹאת **כָּל אֶחָד וְאֶחָד** כָּל יְמֵי חַיָּיו.

[נט] עיין שיחות הר"ן אות קפ"ה: גַּם זֹאת הָיְתָה הַנְהָגָה כְּלָלִית שֶׁהִזְהִיר אֶת **כָּל אֶחָד וְאֶחָד**. דְּהַיְנוּ לְהִתְבּוֹדֵד **בְּכָל יוֹם** וִיפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְבַקֵּשׁ מִלְּפָנָיו רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדָתוֹ

- אט דאס איז ביי אים א בירור, די דריי זאכן[ס].

מיר האבן דאך אסאך זאכן, אבער די דריי זאכן, דאס איז עפעס א שורש'דיגע זאך, די אלע דריי זאכן איז אלץ 'משפט': 'ראש השנה' איז 'משפט', און 'שולחן ערוך' איז דאך 'משפט', און 'התבודדות' איז 'משפט'[סא].

אט דאס איז ביי אים א 'בירור' אז דאס דארף זיין אלע טאג!

דער ענין פון 'שולחן ערוך' איז געווען ביים רבי'ן א יסוד גדול אין 'תורה'!

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה "ימי חנוכה"[סב], דער רבי רעדט דארטן פון 'תורה-ותפילה', און פון 'שידוכים'; 'תורה' - זאגט דער רבי דארטן, איז 'הלכה', און 'תפילה' איז 'תודה והודאה', און 'שידוכים'; אט דאס איז "א-ל אלקים ה'"; 'א-ל' איז 'תפילה', 'אלקים' איז 'תורה', און 'ה'' איז 'שידוכים'; דאס איז אלץ 'אמת': 'תורה' איז 'תורת אמת', דאס חשיבות איז נאר 'אמת', און 'תפילה' איז 'לכל אשר יקראוהו באמת', און 'שידוכים' - 'אשר הנחני בדרך אמת'[סג].

זעהען מיר אלץ ארויס דערפון, דער רבי האט א תורה פון 'תורה-ותפילה'; 'תורה' איז 'לימוד הלכות', און 'תפילה' איז 'תודה והודאה'.

זעהען מיר אלץ ארויס, ביים רבי'ן איז געווען דער ענין פון 'לימוד הלכות' א יסוד אין אידישקייט! 'לימוד הלכות', מברר זיין דער הלכה'.

---

יִתְבָּרַךְ.

[ס] עיין מכתבי ר' נתן בר"י - בכמתב מיום ה' ויקה"פ תר"ם: כַּךְ שָׁמַעְתִּי מֵאַדְמוּ"ר מו"ה נָתָן זְצַ"ל קוֹדֶם הִסְתַּלְקוּתוֹ הַקָּדוֹשׁ וְהַטָּהוֹר וְכַךְ אָמַר בִּלְשׁוֹנוֹ הַקָּדוֹשׁ שֶׁבּ"ה יֵשׁ לָנוּ עַתָּה ג' הֲלָכוֹת מְבוּרָרוֹת: עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה צְרִיכִין לִנְסֹעַ, וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ צְרִיכִין לִלְמוֹד, וְהִתְבּוֹדְדוּת צְרִיכִין בְּכָל יוֹם; גם עיין ביאור הליקוטים על תורה ס"א אות ס"א: ששמעתי מאבי ז"ל בשם מורנ"ת ז"ל, שלא נמצא לו בירור ההלכה והמשפט הנ"ל, זולת בג' דברים. חיוב ללמוד הפוסקים בכל יום ויום. וחיוב התפלה והבקשה, לחדש בה בכל יום כפי מה שעובר עליו. וחיוב אסיפת הנפשות בראש השנה למקום גניזתו הקדושה, עכ"ל.

[סא] עיין ביאור הליקוטים בהמשך שם.

[סב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ב' אות ד'.

[סג] עיין כל זה שם בפנים התורה אות ד'.

**דער רבי זאגט אין תורה ח[סד]: "מען קען נישט מברר זיין דעם 'טוב' פון דער 'רע' סיידן דורך לימוד הלכות!".**

בײ א מענטשן איז אויסגעמישט 'טוב ורע', די ד' יסודות; דארף מען מברר זיין דעם 'טוב' פון דער 'רע' אז עס זאל אין דעם מענטשן נאר בלייבן דער 'טוב' מבורר. דורך 'לימוד הלכות' וואס ער איז מברר דער הלכה - אזוי איז דאך בײ אים די תורה אויך אויסגעמישט, נאר 'לימוד הלכות' דאס איז מברר דער 'תורה', דעם 'טוב מן הרע', 'כשר ופסול', 'טהור טמא', 'מותר אסור'; אזוי קען ער בײ זיך אויך מברר זיין (הטוב מן הרע).

**אונזערע לייט האבן געוואוסט אז מען דארף עפעס א געוואלדיגן 'שיעור קבוע' אין הלכות! ביים רבי'נס זאך איז דאס א 'יסוד'![סה]**

**מען איז מסיים דעם ש"ס[סו]: "כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, שנאמר 'הליכות עולם לו', אל תקרי הליכות אלא הלכות!"** - אזוי ענדיגט זיך דער ש"ס; און הויבן הויבט זיך עס אָן - "ברכות" - 'תודה והודאה'; טאקע די ביידע, דער סוף איז 'הלכות', און דער אנהויב איז 'תודה והודאה'.

האבן אמונה פשוטה אינעם רבי'ן אז דער עיקר חשיבות פון 'תורה' איז 'הלכות'. מוז מען דאך לערנען אסאך הלכות.

און ווען איז דער עיקר? דער עיקר איז טאקע אין דער יוגנט, 'גירסא דינקותא'[סז], די

---

[סד] אות ו', וזל"ש: וְלָבוֹא לְזֶה לְהַפְרִישׁ וּלְהַבְדִּיל וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב הוּא עַל יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה, וְלִמּוּד הַתּוֹרָה יִהְיֶה לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה, הַיְנוּ לִלְמֹד פּוֹסְקִים. כִּי יֵשׁ בְּהַתּוֹרָה אֲחִיזַת הַטּוֹב וְהָרָע, שֶׁנֶּאֱחָזִין מִבְּחִינַת אִסּוּר וְהֶתֵּר, טָמֵא וְטָהוֹר, כָּשֵׁר וּפָסוּל, שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה; וְכָל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מְבָרֵר הַהֲלָכָה הוּא מְעֹרָב טוֹב וָרַע; וְעַל כֵּן אֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִישׁ וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב, וְהוּא בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי י"א): "וְדֹרֵשׁ רָעָה תְבוֹאֶנּוּ"; עַד אֲשֶׁר הוּא מְעַיֵּן וּמְבָרֵר הַפְּסַק הֲלָכָה וּמְבָרֵר הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר וְכוּ', דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי לִמּוּד פּוֹסְקִים, אֲזַי מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע.

[סה] עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ד אות ג': פִּסְקֵי הֲלָכוֹת, שֶׁהֵם עִקַּר תִּקּוּן חֵטְא אָדָם הָרִאשׁוֹן **וְהֵם כְּלַל כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁל כָּל הַחֲטָאִים, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מֵרַבֵּנוּ זַצַ"ל**, וְכַמְבֹאָר בְּמַאֲמָרָיו הַקְּדוֹשִׁים כַּמָּה פְּעָמִים.

[סו] נדה ע"ג ע"א.

[סז] גמ' שבת כ"א ע"ב; גם עיין אבות פ"ד מ"כ, 'הלומד ילד למה הוא דומה' וכו'; ועיין רבינו בחיי על זה שם, וז"ל: אמרו מחברי המוסר (מבחר הפנינים) **הלימוד לנערים ככתיבה על השיש, והלימוד לזקנים**

יוגנט אוועקגעבן פאר תורה; אויף דער עלטער שלעפט מען זיך נאך דארטן, אַן אלטער שלעפט זיך נאך, קוים וואס ער קען שוין גיין; דער עיקר איז דאך די יוגנט, דעמאלט ברוך ה' איז נאך די אלע כלים - "כלים", דער 'זכרון', און די 'תפיסה', אלעס ארבעט נאך[סח].

דער רבי זאגט דארט אין דער תורה[סט]: "אז עס ווערט נתחדש א הלכה, ווערט נתחדש א שכל וידיעה!" יעדע 'הלכה' איז א באזונדערע 'שכל וידיעה'[ע].

פאר א מענטש דאכט זיך, כאטש מען האט דאך אמונה אין דעם רבי'ן, מען גלויבט דאך אין יעדעם 'דיבור' פון דעם רבי'ן, דאכט זיך אים עפעס, 'הלכות - א סדר הלימוד?! איך ווייס?!' ער הויבט אָן מסופק צו ווערן צו דאס איז א סדר.

מען דארף האבן 'אמונה פשוטה' אין דעם רבי'ן אז דער רבי איז דער אמת'ער צדיק און דער אמת'ער מנהיג און ער ווייסט יעדן איינעמ'ס - - און ער זאגט אזוי! 'אוועקגעלייגט'. 'אוועקגעלייגט דעם שכל'.

א גרויס חלק פונעם 'לימוד' זאל זיין 'הלכות'!

## לפרש שיחתו בכל יום

דאס אייגענע ווייטער איז ביי דעם ענין פון 'התבודדות' אויך; ביי 'התבודדות' קען אויך דאס אייגענע זיין, עס קען זיך אמאל איינעם דאכטן - 'עס איז דאך 'ביטול הזמן', צו וואס דארף איך? איך קען דאך אין דער צייט לערנען ווייטער, איך וועל לערנען אין דער צייט' - דארף מען אויך האבן אמונה אין דעם רבי'ן; אז דער רבי זאגט אז

---

**כְּכתיבה על החול**, כלומר, שהוא נמחה ואינו ניכר כלל, כך דיו כתובה על נייר מחוק אין הכתיבה מתבארת וניכרת שם.

[סח] עיין ספר המידות ערך 'תשובה' אות ע"ג: **הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ.**

[סט] אות ב'.

[ע] עיין ספר המידות ערך 'לימוד' אות י': כָּל יְדִיעָה בְּמִשְׁפְּטֵי הַתּוֹרָה, הֵן מִצְוֹות שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ הֵן מִצְוֹות שֶׁבֵּין אָדָם לְקוֹנוֹ, הַיְדִיעָה הַזֹּאת בְּעַצְמָהּ הִיא הַצְלָחַת הַנֶּפֶשׁ.

'התבודדות' איז אזא מין יסוד אין אידישקייט, וואס דער רבי רעדט אלץ פון 'התבודדות', איז אוועקגעלייגט. אוועקגעלייגט דעם שכל. 'אמונה'. "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", דאס איז איין זאך.

עס איז איינער געווען וואס ער פלעגט קומען צום רבי'ן דארטן, און ער האט נישט געהאט קיין 'דיבורים' צו רעדן פארן רבי'ן. האט אים דער רבי געזאגט: **"דו זאלסט רעדן צום אויבערשטן, וועסטו קענען רעדן צו מיר אויך!"**[עא].

און אמאל איז ווייטער געווען פארקערט, יענער קען נישט האבן דיבורים צום אויבערשטן, (אמר לו רבינו:) **"ווען דו זאלסט רעדן צו מיר, וואלסטו געקענט רעדן צום אויבערשטן!"**.

(השואל: אזוי האט אים דער רבי געזאגט?) יא; אויך געווען אמאל א 'דיבור'[עב].

יעדע זאך ביי וואס איך האלט איצטער, דארף איך איצטער אויסניצן אט דער זאך; אז איצטער האלט איך אז וויל איך רעדן צום אויבערשטן 'דיבורים', דארף איך וויסן - אז איך וועל רעדן צום אויבערשטן, וועל איך קענען נעמען דער נקודה פון דעם צדיק אויך, איך וועל קענען אנדערש לערנען דעם ספר, און אנדערש האבן דער נקודה פון דעם צדיק; און אז עס קומט אים אָן די נקודה פון דעם צדיק, פון דעם ספר, און אזוי ווייטער, דארף איך וויסן - אז איך וועל דאס האבן, וועל איך קענען אנדערש רעדן צו השם יתברך.

דאס איז דאך אלץ יסודות'דיגע זאכן, אַן אייביגער יסוד; וואס דער מענטש רעדט מער דיבורים צו השי"ת, ער רעדט מער דיבורים צום צדיק, אט דאס מאכט אים אינגאנצן אנדערש.

---

[עא] שיחות הר"ן אות רל"ב: עוֹד שֶׁמַּעְתִּי מִפִּי הַנַּ"ל שֶׁכַּמָּה פְּעָמִים נִכְנַס אֵלָיו וְרָצָה לְדַבֵּר עִמּוֹ. וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִפְתֹּחַ פִּיו לְדַבֵּר לְפָנָיו מַה שֶּׁבְּלִבּוֹ. וּפַעַם אַחַת הָיָה עוֹמֵד וּמְשַׁמְּשׁוֹ, וְהָיָה בְּדַעְתּוֹ לְדַבֵּר עִמּוֹ מִיָּד אֲבָל לֹא הָיָה יָכֹל לִפְתֹּחַ פִּיו כְּלָל. וְאַחַר כָּךְ צִוָּה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁיּוֹשִׁיט לוֹ מִנְעָלָיו לְנָעֳלָם לִכְבוֹד שַׁבָּת. כִּי הָיָה אָז אַחַר יְצִיאָה מֵהַמֶּרְחָץ בְּעֶרֶב שַׁבָּת. וְאָז בְּעֵת שֶׁהוֹשִׁיט לוֹ מִנְעָלָיו עָנָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֵעַצְמוֹ וְאָמַר לוֹ: **תַּרְגִּיל עַצְמְךָ לְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאָז תּוּכַל אַחַר כָּךְ לְדַבֵּר עִמִּי גַּם כֵּן.**

[עב] לציין ששיחה חדשה זו נדפס כאן לראשונה.

דער רבי האט דאך געזאגט[עג]: עס קען זיין אַן ערליכער איד אָן 'התבודדות' אויך, נאר 'שקורין פלוטעס'.

וואס איז דער ווארט 'פּלוּטעס'? דאס איז נישט קיין מיושב'דיגער, א 'פְּלוּט'. דער רבי האט געוואלט זייער מען זאל זיין א מיושב'דיגער, זיי נישט קיין 'פלוט'. דורך 'התבודדות' איז ער א מיושב'דיגער.

ברוך ה', מיר האבן דאך אמונה אין דעם רבי'ן, מיר גלויבן דעם רבי'ן, יעדער דיבור פון דעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז חשוב - 'אט דאס איז עס' 'אט דאס איז עס', דאס איז מיין תיקון 'בזה ובבא'! אז איך וועל פאלגן דעם רבי'ן וועל איך האבן אַן אנדערע - -

אז נישט, איז דאך א סימן אז די אמונה איז ביי מיר נישט גאנץ, און אז די אמונה איז ביי מיר נישט גאנץ, דאס איז שוין אַן אנדערע זאך, זאגט שוין דער רבי אין תורה ס"א[עד], ווערט מען גאר 'ניזון' מיט 'מותרות', עס איז א מח פון 'מותרות', קען ער גארנישט מברר זיין דער הלכה.

דערפאר טאקע, 'דואג' האט ארויסגעגעבן א הלכה אז 'דוד אסור לבא בקהל', ווייל ער האט פוגם געווען 'באמונת חכמים', ער האט גע'רודפ'ט דוד המלך, האט ער געהאט א מח פון 'מותרות', האט ער געקענט ארויסגעבן אזא מין הלכה אז 'דוד אסור לבא בקהל'[עה].

---

[עג] שיחות הר"ן אות רכ"ח: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: בְּוַדַּאי נִמְצָאִים כְּשֵׁרִים אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לָהֶם הִתְבּוֹדְדוּת. אֲבָל אֲנִי קוֹרֵא אוֹתָם **"פְלֵייטֶ'יס"** מְבֹהָלִים וּמְבֻלְבָּלִים. וּפִתְאֹם כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ וְיִקְרָא אוֹתָם יִהְיוּ מְעֻרְבָּבִים וּמְבֻלְבָּלִים. אֲבָל אֲנַחְנוּ נִהְיֶה דּוֹמִים כְּמוֹ הָאָדָם אַחַר הַשֵּׁנָה שֶׁדַּעְתּוֹ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת הֵיטֵב כֵּן תִּהְיֶה דַּעְתֵּנוּ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת עָלֵינוּ בְּלִי מְהוּמָה וּבִלְבּוּל.

[עד] אות א', וזל"ש: **כְּשֶׁפּוֹגֵם בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, אֲזַי נִדּוֹן בִּיגִיעַת בָּשָׂר, הַיְנוּ בְּמוֹתָרוֹת.** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל (עֵרוּבִין כ"א): 'הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְלַהַג הַרְבֵּה יְגִיעַת בָּשָׂר". וְהוּא מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, כִּי הוּא אֵינוֹ מַאֲמִין בְּדִבְרֵיהֶם, וּמַלְעִיג עֲלֵיהֶם, וְדִבְרֵיהֶם הֵם אַךְ לְמוֹתָר אֶצְלוֹ, עַל כֵּן נִדּוֹן בְּמוֹתָרוֹת. וְכָל הַמִּשְׁפָּטִים הֵן מִן הַמֹּחַ, בִּבְחִינַת (מְלָכִים א ג): "וַיִּירְאוּ מִפְּנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי רָאוּ כִּי חָכְמַת אֱלֹקִים בְּקִרְבּוֹ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט". וְהַמֹּחַ, הוּא לְפִי הַמָּזוֹן, וּכְשֶׁהַגּוּף נָקִי, אֲזַי הַמֹּחַ בָּרוּר, וַאֲזַי יָכוֹל לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת, הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת. אֲבָל כְּשֶׁנִּדּוֹן בְּמוֹתָרוֹת, עַל יְדֵי פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים כַּנַּ"ל, אֲזַי עוֹלִים עֲשָׁנִים סְרוּחִים אֶל הַמֹּחַ, וּמְעַרְבְּבִים וּמְבַלְבְּלִין דַּעְתּוֹ. **וַאֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת.**

[עה] כמו שביאר רביז"ל שם בהמשך, וז"ל: וְדוֹאֵג, עַל יְדֵי שֶׁלִּמּוּדוֹ הָיָה מִבְּחִינַת אֵלּוּ הַמּוֹתָרוֹת, בִּבְחִינַת הַנֶּאֱמָר בְּדוֹאֵג (שְׁמוּאֵל א כ"א): "וְשָׁם אִישׁ מֵעַבְדֵי שָׁאוּל נֶעְצָר לִפְנֵי ה' וּשְׁמוֹ דּוֹאֵג" וְכוּ' וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עוֹצֵר

דערפאר דארף מען זייער אסאך רעדן דערפון פון דאס גרויסקייט פון רבי'ן, אז מען זאל האבן אמונה אין דעם רבי'ן.

יעדעס 'דיבור' פון דעם רבי'ן וואס איז ארויס מפיו הקדוש איז א 'דיבור' אויף איצטער און אויף שפעטער און 'לאחר התחיה'.

דו האסט א 'דיבור' פון דעם רבי'ן? דו גייסט אין דעם חדר פון דעם רבי'ן? דארפסטו פאלגן דעם רבי'ן!

## א נייער חדר אינגל

רבי נתן האט א זאג געגעבן אמאל א ווארט: "דער רבי לערנט מיט אונז קָמַץ **אלף!**"[ע].

וואס ליגט דא אין דעם 'דיבור'? וואס איז 'קמץ אלף'? 'קמץ אלף' איז א 'דיבור' בשעת א קינד הויבט אָן גיין אין חדר. אונז דאכט זיך שוין, 'מיר זענען שוין לאנגע חסידים, מיר לערנען שוין גמרא, מיר לערנען שוין ש"ס' - 'ניין, דער רבי לערנט מיט אונז 'קמץ אלף'!' מיר הויבן אָן גיין אין חדר; א קינד - 'קמץ אלף'!

רבי נתן האט אונז געזאגט: 'הויב אָן גיין אין חדר; אויב דיר וועט זיך דאכטן אז דו ביסט שוין אַן אלטער תלמיד, זאג איך דיר - ניין, דער רבי לערנט מיט אונז 'קמץ אלף'!' נישט נאר ביים אנהויב, נאר כסדר אזוי.

גיי אריין אין דעם חדר צום רבי'ן אזוי ווי א קינד וואס הויבט אָן לערנען 'קמץ אלף', מיט אַן אנהויב התקרבות, פון אנהויב אָן, 'קמץ אלף', אזוי לערנט דער רבי מיט אונז.

---

עַצְמוֹ וְכוּ' לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה'. כִּי לִמּוּדוֹ הָיָה מִבְּחִינַת עֲצִירוּת, בְּחִינַת מוֹתָרוֹת. עַל יְדֵי זֶה, לֹא הָיָה מוֹצִיא מִלִּמּוּדוֹ מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת, רַק מִשְׁפָּט מְעֻקָּל. וְעַל כֵּן הָיָה דָּן שֶׁאֵין דָּוִד רָאוּי לָבוֹא בְּקָהָל (יְבָמוֹת ע"ו:), וְזֶה הָיָה, עַל יְדֵי שֶׁלִּמּוּדוֹ הָיָה מִמּוֹתָרוֹת כַּנַּ"ל.

[ע] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות רנ"ז; גם עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' בלק שנת ת"ר: וּבֶאֱמֶת צְרִיכִין לְהַתְחִיל לִלְמֹד עִמְּךָ וְעִם כֻּלָּנוּ מֵחָדָשׁ **קָמֵץ אָלֶף**. בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה שֶׁגִּלָּה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְתַתְחִיל מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ **קָמֵץ אָלֶף** בְּהַתּוֹרָה כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם, וכו' עיי"ש.

דאס הייסט - 'התחדשות', אזוי ניי אזוי ווי דו הויבסט אָן גיין, אזוי ווי דו ווערסט איצטער מקורב, איצטער ביסטו געוואויר געווארן פון דעם רבי'ן און דו לערנסט מיט אים 'קמץ אלף'!

דאס איז א 'דיבור'!

אט דאס איז די התקרבות צום רבי'ן, ער הויבט אָן לערנען מיר דיר 'קמץ אלף'.

איך ווייס דאך שוין אזוי פיל שיחות, איך בין אנגעשטאפט מיט הונדערטער שיחות, איך ווייס שוין אזוי פיל - 'ניין, מען הויבט אָן לערנען 'קמץ אלף'!'.

טאקע ווען רבי יודל איז אריינגעקומען צום רבי'ן; ר' יודל, אזוי גרויס, א תלמיד פון רבי פנחס קאריצער, עפעס א קלייניקייט רבי פנחס קאריצער?! עפעס א געוואלד! דער רבי האט א זאג געגעבן[עז]: "ער איז געווען א שטיק צייט א 'חד בדרא'!".

איז דאך רבי פנחס קאריצער געווען עפעס געוואלדיג גרויס, און רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי רבי פנחס קאריצער, און ער איז געווען עלטער פון דעם רבי'ן מיט זעכצן-זיבעצן יאר. תקנ"א איז רבי פנחס קאריצער נפטר געווארן. און ער איז געווען אַן איידעם ביי רבי לייב טראסטיניצער.

רבי לייב איז געווען אזוי גרויס. איך האב געזעהן, עס איז געווען עפעס א גזירה אויף אידן, עפעס א געוואלדיגע גזירה, האט דער בעל-שם הקדוש געזאגט, 'ער מוז זיך מצרף זיין מיט רבי לייב טראסטיניצער אויף צו מבטל זיין דער גזירה'.

רבי לייב האט געזאגט בשעת ער איז געפארן קיין ארץ ישראל; ער איז נפטר געווארן אויף דער שיף; האט ער געזאגט: "ווען מיין איידעם זאל דא זיין וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן!"[עח].

זעהען מיר דאך, אז רבי לייב האט אזוי געזאגט, איז דאך רבי יודל געווען געוואלדיג גרויס, און דאס איז נאך געווען איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן. ער איז געווען געוואלדיג גרויס, א קדוש, א הימל מענטש. און ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן מיט א

---

[עז] חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[עח] חיי מוהר"ן אות תרי"א.

גדולות: "יורינו רבינו דרך לעבודת ה'!" האט דער רבי דאס נישט געוואלט לײדן, (ואמר לו:) "לדעת בארץ דרכיך?!"[עט].

וואס ליגט אין דעם ווארט? צו ווערן א 'מקורב' צום רבי'ן איז נישט מיט דעם וועג פון "יורינו רבינו דרך לעבודת ה'", דאס איז שוין א מין גרויסקייט, אריינגיין צום רבי'ן - גיי אריין - 'איך וויל לערנען 'קמץ אלף'!'.

דער רבי האט געזעהן אז רבי יודל קען נישט ווערן דער מקורב וואס דער רבי וויל, ער איז אליין א גדול, אליין א צדיק, אליין א הימל מענטש, ער ווייסט וואס טוהט זיך אין הימל, און אז ער קומט אריין צום רבי'ן דער רבי זאל אים געבן א דרך אין עבודת ה', דאס איז נישט קיין 'התקרבות'. דער רבי האט אים אפגעווארפן - 'לדעת בארץ דרכך?!' - מיט די אלע שיחות דארטן וואס עס איז דא פון זיין התקרבות. נאכדעם איז ער געווארן א מקורב.

רעדן מיר אפילו אזעלכע גרויסע מענטשן, אזעלכע צדיקים קדושים.

רבי נתן האט א זאג געגעבן ביי דער מחלוקת: "וואס הערן מיר זיי? דא זיצט ביים טיש איינער וואס הערט דעם כרוז פון 'ישובו רשעים לשאולה'[פ]".

עס שטייט אין "זוהר הקדוש"[פא], אז עס קומט מוצאי־שבת גייט ארויס א 'כרוז': "ישובו רשעים לשאולה". האט רבי נתן געזאגט אויף רבי יודל'ען אז ער הערט דעם 'כרוז'.

נו, איז ער דאך געווען עפעס גרויס, א הימל מענטש, געוואלדיג גרויס. אבער ביי דער התקרבות צום רבי'ן דארף מען האבן, אריינגיין אין חדר אריין, אריינגיין, 'אנהויבן 'קמץ אלף', דאס איז אפילו ביי אזעלכע הויכע מענטשן.

דאס התקרבות צום רבי'ן דארף זיין מיט א התחדשות אלע טאג! פון אנהויב! פון

---

[עט] שיחות הר"ן אות רצ"ב; כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות רכ"ג.

[פ] תהלים ט, יח.

[פא] פר' ויקהל דף ר"ז ע"א.

**היינט! היינט ווער איך א מקורב[פב], היינט וויל איך זיך מקרב זיין! 'וואס זאגט ער?' 'וואס זאגט ער?' - אט דאס הייסט 'התקרבות'. אזוי ווי דער אויבערשטער וויל אז יעדעם 'דיבור' (מהתורה) זאל זיין ביי דיר ניי, 'בכל יום יהיה בעיניך כחדשים'[פג], אזוי וויל ער ביים 'צדיק'; אויב דו ביסט אַן אלטער תלמיד, טויג עס נישט, וועסטו נישט נעמען.**

**עס איז דא פון רבי'ן א ווארט: "ווען מען דערמאנט זיך אין מיר, איז מען 'כקטן שנולד'!".**

**קומט אויס, דעם רבי'נס זאך איז אזא מין כח, ממש אזוי ווי ער ווערט היינט געבוירן, דאס איז נאך מערער ווי 'קמץ אלף'!**

**'ווען מען דערמאנט זיך אין מיר' - האט דער רבי געזאגט - 'איז מען כקטן שנולד'!**

**דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען דאס חשיבות - 'התחדשות'.**

**אט דאס איז אינגאנצן אונזער 'התקרבות', אז מען לייגט זיך שלאפן, בעט מען דעם אויבערשטן מען זאל זוכה זיין אויפצושטיין; וואו מען גיט זיך א ריר - מקיים זיין דער עצה, מקיים זיין דער עצה - אט איצטער הער איך איר.**

## נישט מקנא!

**רבי נתן האט גערעדט א שמועס אז אויף יעדער זאך דארף מען בעטן, אפילו אויף צדקה, פאר מען גיט צדקה דארף מען אויך בעטן, דארף מען אויך האבן 'התבודדות'[פד].**

---

[פב] עיין חיי מוהר"ן אות תל"ז: טוֹב שֶׁיֹּאמַר הָאָדָם בִּשְׁעַת הַהִתְבּוֹדְדוּת כְּשֶׁמִּתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, יֹאמַר הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבֵק בְּךָ. וְיַעֲשֶׂה בְּכָל פַּעַם הַתְחָלָה, כִּי כָּל הַהַמְשָׁכוֹת הוֹלְכִין אַחַר הַהַתְחָלוֹת, וכו'.

[פג] רש"י דברים כו, טז.

[פד] עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב אות ל"ד: וְעַל כֵּן **מְצוּיִּים הַרְבֵּה טָעוּתִים מְאֹד בְּנוֹתְנֵי הַצְּדָקָה**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל שֶׁאֵין זוֹכִין בְּנָקֵל לִתֵּן צְדָקָה לְהֶהָגוּן. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל, שֶׁמָּא תֹּאמַר כָּל הַבָּא לִקְפֹּץ קוֹפֵץ? תַּלְמוּד לוֹמַר, מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים וְכוּ', כִּי אֵינָם מְצוּיִּים לִזְכּוֹת עִם מְהֻגָּנִים, עַיֵּן שָׁם בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י. עַל כֵּן **צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְקַיֵּם מִצְוַת צְדָקָה כָּרָאוּי** שֶׁיִּזְכֶּה לִתֵּן לְהֶהָגוּן

און ר' איצע (בנו של מוהרנ"ת) פלעגט געבן צדקה דעם ר' מרדכי'ן, ער איז געווען דארטן אין טולטשין, ער איז א גרויסער ערליכער איד געווען, פון רבי נתן'ס מענטשן, פלעגט ער אים געבן צדקה.

אז ער האט זיך געמאכט א מלבוש, האט ער אים אויך געמאכט א מלבוש. ר' איצע האט קיינמאל נישט געהאט קיין פוטער, ווייל ער האט געדארפט מאכן צוויי, און צוויי האט ער נישט געקענט מאכן; ער פלעגט אלץ געבן ר' מרדכי'ן.

האט ער געזאגט: "טאטע, אז איך גיב מרדכי'לען צדקה דארף איך אויך האבן התבודדות?!" - אזוי האט ער אים געפרעגט. (ענה לו מוהרנ"ת:) "זאג איך דיר נאכאמאל; האסטו התבודדות - בין איך דיר מקנא, אז נישט - בין איך דיר נישט מקנא!".

נאכדעם איז עפעס אויסגעקומען אז זיי האבן זיך ביידע צוקריגט - ר' איצע מיט ר' מרדכי'ן. האט ר' איצע אזוי געזאגט: "איך וואלט זיך מיט ר' מרדכי'לען קיינמאל נישט ווען געקריגט, נאר אז איך זאל זעהן אז וואס דער טאטע זאגט איז אמת!".

דאס ענין פון 'התבודדות', דאס איז עפעס א מין 'כלי' צו אידישקייט, עפעס א מין 'פתח', דאס עפנט אזוי דעם 'פתח' צו יעדער זאך[פה].

אז איך גיי טוהן א זאך, פארוואס דארף איך האבן 'התבודדות'? איך גיי דאך טוהן א מצוה? איך טוה נישט קיין עבירה? ניין, 'ווען סטו האבן התבודדות מיט ישוב הדעת - בין איך דיר מקנא, אז נישט - בין איך דיר נישט מקנא!' איך בין דיר נישט מקנא!

איך געדענק, דער שווער ע"ה איז געווען אמאל זייער קראנק, ער איז דאך געווען אַן ארעמאן, ער איז געווען ביי מיר אין שטוב, און איך האב אליין נישט געהאט, בין איך צוגעפארן קיין אומאן - איך האב נאך דעמאלט געוואוינט אין קיבליטש - צו ר'

---

בֶּאֱמֶת. וְהַכֹּל תָּלוּי בְּהָאֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ שֶׁמִּי שֶׁכַּוָּנָתוֹ רְצוּיָה לַשָּׁמַיִם בֶּאֱמֶת יְזַכֵּהוּ ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתֵּן לַעֲנִיִּים הֲגוּנִים וִיתַקֵּן עַל יְדֵי הַצְּדָקָה הַרְבֵּה.

[פה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניניא סי' קי"א: עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל, לְכָל טוּב, לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת; גם עיין שם סי' ק"א.

אייזיק'ן (אייזנשטיין, מאומאן), דער וואס האט אויסגעבויעט דער שול דארט, ר' אייזיק איז געווען א 'שם דבר'.

(וביקשתי ממנו:) **"ר' אייזיק, דער שווער איז אזוי קראנק, און איך בין אויך אַן ארעמאן, איך האב אליין נישט!".**

האט ער מיר געגעבן א נתינה, א שיינע נתינה. אבער איך האב געמיינט אז ער וועט מיר געבן מערער, איך רעד דאך פארן שווער.

זאג איך: **"ר' אייזיק, אפשר דארפט איר געבן מער?"** אזוי האב איך אים געפרעגט. זאגט ער מיר אזוי: **"איך האב אלע טאג התבודדות, האב איך התבודדות אויף צדקה אויך!"**. האב איך שוין מער נישט גערעדט מיט אים.

א איד רעדט אזעלכע ווערטער, 'ער האט התבודדות אויף צדקה', מיט די אידן קען מען זיך נישט דינגען, געהאט התבודדות אויף צדקה אויך.

דאס איז עפעס אזא מין 'הילוך', דאס פירט דעם מענטשן, דאס פירט אים אזוי צו אז ער גייט אויפן וועג. און ער קען טאקע האפן צום אויבערשטן אז ער גייט טאקע אויפן גלייכן וועג אויך, ווייל ער בעט דאך דעם אויבערשטן; מען רעדט נישט חלילה פון שלעכטס, נאר אפילו א גוטע זאך, אז איך רעד עס פריער פאר השי"ת, פירט מיר דער אויבערשטער אויפן גלייכן וועג אין דער זאך[פ].

## אויסגעפירט מיט די בעלי־בתים

מיר האבן אזעלכע טייערע עצות, אזעלכע טייערע רפואות, און מען זעהט דאך ארום וואספארא מיני 'אנשים כשרים' זענען ארום די אידן מיט אט די רפואות.

איך רעד נישט דארטן פון די ידיעה'דיגע מענטשן, דארטן די גדולים אונזערע, נאר אפילו די בעלי־בתים זענען געווען אזעלכע 'אנשים כשרים', אזעלכע טייערע אידן,

---

[פ] עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד אות כ"ד: מִי שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר עַל עֶצֶם הָאֱמֶת אֵין יְכוֹלִין לְהַטְעוֹתוֹ לְעוֹלָם, וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים מַטְעִין וּמְרַמִּין אוֹתוֹ אֵינוֹ נֶחֱשָׁב בְּשֵׁם הַהַטְעָאָה כְּלָל וכו' עיי"ש בפנים.

אזעלכע געשמאקע אידן אז עס איז א געוואלד געווען, נאר דערפאר ווייל זיי האבן געהאט התבודדות, און זיי האבן געהאט אסאך שיעורים קבועים. א בעל בית האט געשמעקט זיין (עבודת ה').

איך בין געווען דארטן אין באבריניץ, א שטעטל, עס איז געווען דארטן עטליכע אונזערע לייט, איך ווייס נישט צו עס איז געווען א מנין דארטן, זיי זענען געווען גרויסע בעלי־צדקות און גרויסע מתבודדים, זיי זענען געווען פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס מענטשן. בין איך געווען דארטן, עטליכע מאל געווען דארטן.

עס קומט 'בין מנחה למעריב', זיצן מיר און מיר רעדן דארטן צוזאמען פונעם רבי'ן. גיב איך א פרעג דארטן, "וואו איז דארטן איציק?" מיר האבן געהאט דארטן איינער א חסיד 'איציק'. "וואו איז איציק?" - "ער וועט באלד אריינקומען!".

ער קומט אריין מיט פארוויינטע אויגן... א סוחר!

האב איך שוין געזעהן, ער האט שוין געוואוסט 'ער וועט באלד קומען', סוחרים מיט פארוויינטע אויגן...

איך בין געווען אמאל אין באבריניץ ביי ר' מרדכי'ן, ער איז געווען אביסל מער פארמעגליך, נישט קיין גביר אבער מער פארמעגליך, בין איך געווען זיין אורח. איז איציק האט געוואלט איך זאל עסן ביי אים אויך עפעס א סעודה, עפעס איינמאל זיין ביי אים אויך, מען האט זיך געריסן איבער מיר.

האט ער געזאגט ר' מרדכי'ן: "גיב מיר אים אויך!" - "פון מיין שטוב ארויסנעמען אַן אורח?!".

"ביי מיר צונעמען אַן אורח?!" - האָ, פייער!

ער האט אים קוים איינגעבעטן אז מוצאי־שבת זאל איך קענען צוגיין דארטן צו איציק'ן.

איך בין צוגעגאנגען צו איציק'ן, געגעסן מלוה מלכה, און זיך געלייגט שלאפן. עס איז געקומען חצות, איז געווען ביי אים ממש א בית־מדרש, ער האט געהאט עטליכע בחורים, דער אין דעםווינקל, דער אין דעם ווינקל, א בית־מדרש!

און ער איז געווען א סוחר, א סוחר פון גאלאנטעריי (- נייען זאכן), ער איז געווען א געשמאקער איד, אַן אויסגעוויינטער איד פארן אויבערשטן.

עס איז דא א מעשה דארטן[פז] וואס דער רבי האט דערציילט דער טאכטער: "אסטראה'ער סוחרים און אסטראה'ער פרנסים".

אט דאס איז געווען דעם רבי'נס סוחרים!

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "איך וועל אויספירן מיט די בעלי־בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים!"[פח].

דער רבי האט דאך א זאג געגעבן אמאל אויף רבי שמואל טעפליקער: "ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!". ער איז געווען א איד א בעל־הבית. ער איז געפארן מיט דעם רבי'ן די נסיעה א גאנצער יאר[פט].

איז רבי נתן געבליבן שטיין (כמתמיה עצמו. ענה לו רבינו:) "איך מיין אין זיין בחינה!".

א בעל־בית - א 'נכנס ויצא בשלום' - מאכט ער דאך גוט!

אזעלכע בעלי בתים איז געווען ביים רבי'ן, זיי האבן אזוי געמאכט גוט. פארוואס? ווייל זיי האבן געפאלגט דעם רבי'ן אין זייער ערך!

## ער וויל איינטיילן דעם דאקטער...

דער מענטש דארף האבן פשוט א ביטול צום צדיק, איך בין דאך א מקורב צו אים, לאמיר אים פאלגן, לאמיר האבן א ביטול, ווי אזוי ער לערנט מיר, ווי אזוי ער פירט מיך. פארוואס דארף איך זיך נעמען מיין אייגענע? איך בין דאך זיינער א מקורב, ווי אזוי ער פירט מיך דארף איך אים פאלגן. ער קען מיך מער ווי איך קען זיך אליין, און

---

[פז] עיין תוכן הסיפור באריכות בשיש"ק (חדש) ח"א אות תקכ"ח-תקכ"ט; ובטעם זקנים קונטרס קל"ב.

[פח] עיין חיי מוהר"ן אות שי"ד: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד וְכוּ' וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו וכו'.

[פט] עיין חיי מוהר"ן אות קי"ח ואות קנ"א.

ער ווייסט מיך צו גיבן רפואות מער ווי איך אליין ווייס, איז פארוואס דארף איך גיין מיט מיין אייגענעם שכל?!

רבי נתן האט אים דער אויבערשטער געהאלפן מיט דעם געדאנק, אז ווי ער האט דערקענט דעם רבי'ן האט ער אוועקגעלייגט אינגאנצן זיין מח: "איך ווייס ג-א-ר-נ-י-ש-ט; איך הער א ווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין שכל!"[צ].

ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן איז ער שוין געווען אכט יאר אַן איידעם ביי דעם גרויסן ר' דוד צבי, און ער איז שוין געווען א גאון, ער איז שוין אלץ געווען, א גדול א צדיק. און אז ער איז געקומען צום רבי'ן, האט אים דער אויבערשטער געהאלפן ער האט דערזעהן ביים רבי'ן אז ער מוז אוועקלייגן אינגאנצן זיינס.

אזוי ווי רבי זירא וואס האט געפאסט הונדערט תעניתים אז ער זאל פארגעסן דעם 'תלמוד בבלי' ווען ער איז געקומען קיין ארץ-ישראל צו ר' יוחנן[צא]. האט דען ר' זירא פארגעסן דעם תלמוד בבלי?! ער איז דאך גלייך אריין אין דער ישיבה פון ר' יוחנן, ער איז געווען ר' יוחנן'ס א תלמיד, האט ער דען פארגעסן דעם תלמוד בבלי?!

נאר, עס ליגט עפעס א מין אמת, ר' זירא האט געזעהן אז 'תורת ארץ ישראל' איז עפעס אַן אנדער סארט תורה; טאקע די אייגענע הלכה, די אייגענע תורה, דאס איז עפעס אַן אנדערע זאך, עפעס אַן אנדער סארט אמת!

דער רבי ברענגט טאקע אין תורה ע"א (תניינא) - "חבלים נפלו לי בנעימים", ברענגט דער רבי דארטן דעם "מדרש" אין בראשית אויפן פסוק[צב]: "וזהב הארץ ההיא טוב", זאגט דער "מדרש"[צג]: 'אין תורה כתורת ארץ ישראל', 'אין חכמה כחכמת ארץ ישראל'.

---

[צ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות קמ"ז.

[צא] בבא מציעא דף פ"ה ע"א.

[צב] בראשית ב, יב.

[צג] בראשית רבה טז, ד.

האט דען ארץ ישראל אַן אנדערע תורה? מיר האבן אַן אנדערע תורה? אַן אנדערע חכמה איז דא ביי אונז? נאר ר' זירא האט געזעהן אז עס איז דא עפעס אַן אנדער - - האט ער געפאסט הונדערט תעניתים ער זאל פארגעסן דעם 'תלמוד בבלי'.

עס איז דא אזא מין סארט 'אמת' וואס דאס הייסט 'תורת ארץ ישראל', וואס דאס איז דער 'אין תורה כתורת ארץ ישראל' און דער 'אין חכמה כחכמת ארץ ישראל'.

דאס אייגענע ביים צדיק אויך, טאקע די מצוה וואס דו ביסט מקיים, די אייגענע מצוה, אז דו וועסט פאלגן דעם צדיק איז עס אַן אנדערע מצוה. פארוואס? ווייל מסתמא האסטו גערעדט פארן אויבערשטן פריער; ממילא, די תפילין וואס דו טוהסט אָן - איז עפעס אנדערע תפילין, עס איז אנדערע ציצית, עס איז עפעס אנדערש.

מיר ווייסן דאס, ברוך ה' מיר האבן אמונה אין דעם רבי'ן, דאס זיך אזוי מבטל זיין צום רבי'ן איז 'לטובתי', דאס איז דאך מיין טובה 'בזה ובבא'!

האבן א 'ביטול' דאס איז זייער שווער; דארף מען זייער אסאך רעדן איינער מיט דעם אנדערן, און לערנען די ספרים דעם רבי'נס, און האבן חברים, רעדן דערפון, אריינברענגען אין זיך אריין - 'אט דאס איז עס!' 'דאס איז דיין תיקון!' אז דו ביסט געוואויר געווארן (פון דעם אור), האלט זיך און גיי, פאלג, הער! דו אליין ווייסט גארנישט, נאר וואס ער זאגט אזוי זאלסטו טוהן.

דער רבי ברענגט אין א תורה[צד], איינער א חולה קומט צום רופא און ער וויל דער רופא זאל אים געבן רפואות אזוי ווי ער וויל... - 'דער רופא ווייסט בעסער פון דיר!'.

ער קומט צום צדיק - און ער וויל זיך פירן אזוי ווי ער וויל; 'ער קען דאך דיר בעסער', 'אזוי ווי ער לערנט דיר - אזוי זאלסטו טוהן!'.

[צד] ליקוטי מוהר"ן סי' קס"ד, וזל"ש: לְעִנְיַן סִפּוּרֵי דְּבָרִים שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת. לְמָשָׁל: רוֹפֵא שֶׁנֶּחֱלָה וְהֻכְרַח לִמְסֹר אֶת עַצְמוֹ לְיַד הַדָּאקְטֶיר הַגָּדוֹל, וְהָרוֹפֵא רוֹצֶה שֶׁיִּתֵּן לוֹ רְפוּאוֹת כְּפִי מַה שֶּׁהוּא יוֹדֵעַ, לְהוֹצִיא לוֹ שֵׁן וּלְגַלְּחוֹ, אֲבָל הַדָּאקְטֶיר יוֹדֵעַ רְפוּאוֹת יְקָרִים וַחֲשׁוּבִים שֶׁצָּרִיךְ לִתֵּן לוֹ. כֵּן יִזְדַּמֵּן, שֶׁיָּבוֹא אִישׁ לְהַתַּלְמִיד חָכָם וְצַדִּיק הַדּוֹר, שֶׁהוּא רוֹפֵא חֳלִי הַנְּפָשׁוֹת, וְרוֹצֶה שֶׁיִּתֵּן לוֹ הַצַּדִּיק רְפוּאוֹת, הַיְנוּ הַנְהָגוֹת וּדְרָכִים, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא יוֹדֵעַ. אֲבָל בֶּאֱמֶת הַצַּדִּיק יֵשׁ לוֹ רְפוּאוֹת וּדְרָכִים יְשָׁרִים, שֶׁצָּרִיךְ לְהַנְהִיגוֹ לִרְפוּאָתוֹ, וכו' עיי"ש.

ר' ליפא איז געווען א מקורב צום רבי'ן א נסיעה פאר רבי נתן'ען, ער איז געווען ביים רבי'ן נאך פריער, און כמעט דורך ר' ליפא'ן איז רבי נתן מקורב געווארן, און ער איז נישט געבליבן ביים רבי'ן[צה].

(ר' מאיר: אין אידישקייט האט ער זיך געהאלטן?) **יא, ער איז געווען א חסידישער יונגערמאן אזוי; צום רבי'ן דארף מען נאר האבן ביטול, ביטול.**

דער זוהר הקדוש[צו] ברענגט: "**אעא** דלא סליק ביה נהורא **מבטשין** ליה" - א שטיקל האלץ וואס וויל נישט ברענען, דארף מען עס אפקלאפן, אפקלאפן די אש, וועט עס אנהויבן ברענען; (כמו כן) "**גופא** דלא סליק ביה נהורא **דנשמתא מבטשין** ליה" - דארף מען אנקלאפן דעם גוף עס זאל אין אים אריין 'נהורא דנשמתא'.

מיט וואס קען מען אנקלאפן דעם גוף? שלאגן דעם גוף? 'אנקלאפן מיט דיבורים'**!**[צז]

אז די 'נהורא דנשמתא' גייט נישט אריין אין גוף, עס גייט נישט אריין, איז 'מבטשין ליה', אנקלאפן מיט 'דיבורים', מיט 'דיבורים', מיט 'דיבורים'[צח]. מען דארף אנקלאפן אסאך, רעדן צום גוף[צט], אז עס זאל אריינגיין די 'דיבורים' פונעם רבי'ן, **'געוואלד, דו האסט אזא רבי'ן!'** (וכו') - **אנקלאפן דעם גוף!**[ק]

---

[צה] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל'; גם עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות מ"ה.

[צו] פר' שלח דף קס"ח ע"א.

[צז] עיין חיי מוהר"ן אות תמ"א משל נאה שסיפר רביז"ל, וסיים רבינו הנמשל בזה"ל: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צִוָּה עָלֵינוּ שֶׁנִּשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם אֶל אֵל בַּשָּׁמַיִם, וּלְבָבֵנוּ הוּא לֵב הָאֶבֶן. וְהוּא אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד וְאִי אֶפְשָׁר לְהָרִים אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן, רַק עַל יְדֵי שֶׁנִּקַּח פַּטִּישׁ וּנְשַׁבֵּר וּנְפוֹצֵץ אֶת לֵב הָאֶבֶן וְאָז נוּכַל לְהָרִים אוֹתוֹ. **וְהַפַּטִּישׁ הוּא הַדִּבּוּר.**

[צח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ה: צָרִיךְ לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **בְּכָל הַטִּפֵּי דָּם** שֶׁנִּמְצָאִים בּוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁיְּדַבֵּר הַרְבֵּה בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, עַד שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה מִכָּל הַדָּמִים, דִּבּוּרִים שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה. כִּי הַדִּבּוּר הוּא מֵהַנֶּפֶשׁ, שֶׁהוּא בְּחִינַת דָּמִים.

[צט] עיין חיי מוהר"ן אות תמ"ב מה שציווה רביז"ל לאחד מתלמידיו הגדולים (ר' שמואל אייזיק) שידבר בפרטיות עם כל איבריו ויסביר להם התכלית וכו' עיי"ש.

[ק] עיין חיי מוהר"ן אות מ"ג: וְשָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁאָמַר גַּם לְכַמָּה אֲנָשִׁים אֲחֵרִים, **מֵחֲמַת שֶׁהַגּוּף שֶׁלָּכֶם עָב מְאֹד וְעַז וְחָזָק וְכוּ' עַל כֵּן דַארְפְט אִיהר אִיהם אַסַאךְ אָן דוּלֶען** [צְרִיכִים אַתֶּם לְהַלְעִיט אוֹתוֹ] עִם דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים מֵעִנְיַן הַתַּכְלִית וְכַנַּ"ל.

דער רבי זאגט דאך אין תורה כ"ב[קא], מען דארף רחמנות האבן אויף דעם 'בשר הגוף', אריינשיינען אין דעם גוף אריין די 'הארה שהנשמה משגת'. די נשמה פון יעדער מענטש איז משיג תמיד גרויסע זאכן וואס דער גוף ווייסט נישט פון דעם; דארף מען זעהן מודיע זיין דעם גוף אויך פון דער ליכטיגקייט פון דער נשמה.

רבי יודל איז געווען א מקורב צו רבי פינחס קאריצער, ער האט געוואוינט אין דאשיב, א שטעטעלע לעבן אומאן. נאכדעם אז רבי פנחס קאריצער איז נפטר געווארן, תקנ"א, איז ער אליין געווען א מפורסם, אליין געווען א רבי, ער האט געהאט חסידים, א רבי געווען אין דאשיב. רבי שמואל אייזיק איז געווען זיינער א חסיד, און ר' בער, 'חסידים', 'צדיקים'!

דערנאך מחמת א סיבה דארטן וואס ר' בער איז געווען ביים רבי'ן, א גאנצער סיפור[קב], הכלל, האט ער געזעהן אין אים עפעס א השתַּנות אין יראת ה', האט ער אוועקגעווארפן אינגאנצן דער פרסום, און ער איז געקומען צום רבי'ן.

זעהט מען דאך עפעס, וויבאלד דער אויבערשטער העלפט טאקע אז מען דערפילט עפעס א שטיקעלע נקודה פון דעם רבי'ן, דעמאלט איז טאקע - -

על־כל־פנים, דארף מען בעטן אז מען זאל טאקע דערפילן דעם רבי'ן! ברוך ה' קיין מתנגדים זענען מיר נישט, אבער אז דו ביסט שוין דא - גיי צו נענטער! וואס שטייסטו פונדערווייטנס?! גיי צו נענטער!

דער רבי איז א סוד! ער איז א סוד! ווארום עס איז געווען אסאך צדיקים, אבער אז עס זאל בלייבן א 'השארה' אזוי ווי עס איז געבליבן פונעם רבי'ן - איז נישטא! נישטא![קג]

---

[קא] עיין שם אות ה'.

[קב] עיין כל זה בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אותיות כ'-כ"ג.

[קג] עיין חיי מוהר"ן אות שע"ג: אָמַר, הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכַמָּה צַדִּיקִים עָשׂוּ וְתִקְּנוּ בָּעוֹלָם מַה שֶּׁתִּקְּנוּ, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּפְטְרוּ וְנִסְתַּלְּקוּ נִפְסַק הַדָּבָר, הַיְנוּ הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ בְּתַלְמִידֵיהֶם וְהֶחֱזִירוּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לֹא נִמְשַׁךְ מִדּוֹר לְדוֹר רַק נִפְסַק. עַל כֵּן צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ קִיּוּם לָעַד. וְכֵן דִּבֵּר עוֹד פַּעַם אַחַת שֶׁצְּרִיכִין לְהַשְׁאִיר תַּלְמִידִים שֶׁאֵלּוּ הַתַּלְמִידִים יַעֲשׂוּ תַּלְמִידִים אֲחֵרִים, וְכֵן הַתַּלְמִידֵי תַלְמִידִים יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

עס איז געבליבן א השארה פונעם רבי'ן - א חוץ וואס מען דרוקט די ספרים; און אויך דאס דרוקן די ספרים איז אויך נישט גלייך צו אנדערע, מען האלט אין איין דרוקן, דרוקן און דרוקן נאכאמאל.

און ברוך ה', מען רעדט און מען שמועסט, מען קומט זיך צונויף, דאס איז דאך עפעס אזא זאך וואס עס איז נישטא אין דער וועלט, די וועלט קען עס נישט פארשטיין, 'וואס איז דארט?' - זיי פרעגן א קשיא און בלייבן ביי דער קשיא; אבער דאס איז טאקע דער תירוץ טאקע, מען זעהט טאקע דער כח פון דעם רבי'ן!

❖

## דער רבי וויל יעדן איינעם!

דער רבי האט א זאג געגעבן: "ער איז נישטא? אויב אזוי, מוז איך פארן קיין לעמבערג צוליב דעם!". ווייל ער איז נישטא, דערפאר וויל איך מאכן א נסיעה קיין לעמבערג. און יענער איז געווען גאר א פראסטער מענטש (- איש פשוט).

'איז יענער נישטא', (וואס איז אזוי געפערליך?) ניין! אז יענער איז נישטא, דערפאר מוז איך פארן קיין לעמבערג.

(השואל: עס איז געווען אויף ראש-השנה?) עס שטייט נישט 'ראש-השנה', סתם אזוי, מען איז געקומען צום רבי'ן און יענער איז נישט געקומען. עס איז געווען אין די זמנים וואס מען פלעגט קומען צום רבי'ן.

'איבער דעם מוז איך פארן קיין לעמבערג'.

זעהט מען אז דער רבי איז יעדן איינעם מקרב, דער רבי וויל יעדן איינעם, ער וויל ממש יעדן איינעם!

דאס איז א געוואלד, דאס הייסט טאקע א שלימזל'ניק, אַן אפגעלאזטער, די בושה וואס עס וועט אמאל זיין, די חרטה וואס וועט זיין - -

'ברוך ה', דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט, דו האסט מיר מודיע געווען פון דעם רבי'ן, לאמיך זיך האלטן ביי אים! לאמיך נישט זיין קיין אפגעלאזטער א שלימזל'ניק, לאמיך זיך האלטן ביי אים! לאמיך נעמען פון אים, ער וויל דאך געבן!'

דער רבי האט געזאגט[קד], ער איז א 'נחל', א 'קוואל'. א קוואל וואס מען קווועלט פון אים איז אלץ דא פרישע, עס גייט אלץ נייעס, פרישע. אדרבה, א קוואל אז מען לאזט אים אפ קען ער קאליע ווערן אינגאנצן און ווערן אוים קוואל.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: דער רבי האט געזאגט אז זיין זאך וועט זיך אויספירן מיט די בעלי־בתים?)
אזוי האט דער רבי געזאגט: "איך וועל אויספירן מיט די בעלי־בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים!".

עס איז געווען ביי אונז בעלי־בתים, אזעלכע אנשים כשרים, און די שיעורים קבועים וואס זיי האבן געהאט, א געוואלד געווען, געדאווענט געשמאק און געווען א בעל־הבית, א סוחר, און די צדָקות איז געווען געוואלדיג, געריסן שטיקער פון זיך, 'צדָקות'.

דער רבי זאגט דאך אין דער תורה פון 'ואת הערבים'[קה]: 'צדקה' מאכט א 'פתח' אין אידישקייט, א 'פתח' אין דער עבודה, און אז עס איז שוין דא א 'פתח', מאכט ער דעם 'פתח' ברייטער, דער 'פתח' ווערט נאך ברייטער.

א איד וואס איז תלוי אין אידישקייט און ער וויל האבן א 'פתח', גיט ער דאך אנדערש צדקה[קו], דאס מאכט אים דאך א 'פתח', דאס מאכט אים דער טיר ברייטער, ער וויל דאך האבן א 'פתח' צו אריינגיין אין דער עבודה; 'צדקה' מאכט אים א 'פתח'; "פתוח תפתח" - זאגט דער רבי; עס איז אַן אנדער סארט זאך.

---

[קד] עיין חיי מוהר"ן אות קפ"ט; גם עיין שם אות של"ב: אָמַר אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים.

[קה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד', עיין שם אות ב'.

[קו] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד אות ב': **אִם הָיָה הָאָדָם רוֹאֶה בְּעֵינָיו גֹּדֶל עֲשִׁירוּתוֹ וְהַצְלָחָתוֹ בָּזֶה וּבַבָּא לָנֶצַח שֶׁיִּזְכֶּה עַל יְדֵי הַצְּדָקָה** שֶׁיִּתֵּן בְּוַדַּאי כָּל אָדָם הָיָה נוֹתֵן צְדָקָה הַרְבֵּה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, כִּי כַּמָּה וְכַמָּה הָאָדָם מִתְיַגֵּעַ בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת וּמוֹצִיא מָמוֹנוֹ וּמַרְבֶּה בְּהוֹצָאוֹת בִּשְׁבִיל סְפֵק רֶוַח, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁהָיָה רוֹאֶה בְּעֵינָיו רֶוַח כָּזֶה שֶׁמַּרְוִיחִין עַל יְדֵי הַצְּדָקָה בְּוַדַּאי הָיָה נוֹתֵן צְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם בְּשִׂמְחָה רַבָּה. וְכֵן בְּכָל הַמִּצְוֹת. וְכֵן לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וּלְאַנְשֵׁיהֶם שֶׁיְּכוֹלִים לְקָרֵב אוֹתוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁזֶּה עוֹלֶה עַל הַכֹּל. וּבָזֶה תָּלוּי כָּל קְדֻשַּׁת יַהֲדוּתוֹ. אִם הָיָה רוֹאֶה נִפְלָאוֹת עֲרֵבוּת נְעִימוּת הַתִּקְוָה שֶׁיִּזְכֶּה עַל יָדָם לָנֶצַח. בְּוַדַּאי הָיָה מַשְׁלִיךְ הַכֹּל וְהָיָה רָץ אַחֲרֵיהֶם בְּכָל כֹּחוֹ.

אזוי איז ביי יעדער זאך; ווען ער גייט צו צום רבי'נס זאך, זאל עס נישט זיין נאר סתם אזוי, נאר טוהן מיט א 'התחדשות', מיט א לעבעדיגקייט.

אז מען דאוונט דריי מאל א טאג די אייגענע שמונה־עשרה, איז כדי עס זאל זיין מיט א 'התחדשות', מוז מען דאך האבן עפעס א שייכות צו רעדן צום אויבערשטן. 'רבוש"ע, איך דאוון אלע טאג די אייגענע שמונה־עשרה דריי מאל א טאג, איך בין שוין אזוי געוואוינט מיט אלע ברכות!' - אז מען רעדט דאס אויס פארן אויבערשטן פריער, מען בעט דעם אויבערשטן פריער דערויף, איז טאקע אנדערש.

וואספארא חשיבות האט דאס אז מען בעט דעם אויבערשטן אויף א זאך, מען בעט דעם אויבערשטן אויף 'דעת', אויף 'תשובה', מיט א 'התחדשות', דאס איז דאך אַן אנדער חשיבות! דאס איז אינגאנצן דעם רבי'נס זאך, נאר 'התחדשות', 'התחדשות'.

## דער בעל־דבר שווייגט נישט

די היינטיגע וואך - דער אויבערשטער זאל העלפן - מען וועט ליינען אין דער תורה די 'עשרת הדיברות'. עס שטייט אין 'אנשי מוהר"ן'[קז]: רבי נתן האט געזאגט: "די תורה האבן מיר מקבל געווען דורך משה רבינו'ן; קיום תורה - דורכ'ן רבי'ן!".

עס איז טאקע געווען א שבועות ביי רבי נתן'ען, מען האט עס גערופן "דער גרויסער שבועות"[קח], "אכציג מענטשן" איז געווען אויף שבועות, האט עס געהייסן "דער גרויסער שבועות", עס איז א התעוררות געווען דער שבועות, א געוואלדיגע התעוררות.

ווען מען איז אוועקגעפארן זאגט ער: "נו, ברוך ה' מיר האבן מקבל געווען דער תורה, אבער היט זיך - נישט מאכן קיין עגל; נאך קבלת התורה איז געווארן אַן עגל!".

"פארט איר אהיים - היט זיך איר זאלט נישט מאכן קיין עגל".

---

[קז] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ה'.

[קח] עיין עוד שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שי"ז.

אין דעם ענין פון עגל איז שוין דא אסאך זאכן וואס איז א מין (עגל) - 'היט זיך'! נאך וואס א מענטש ווערט נתעורר צו אידישקייט, איז שוין באלד דא א קטרוג, דער בעל־דבר לאזט אים נישט, ער שווייגט נישט.

א מענטש וואס וויל זיך נישט באנייען - לאזט ער אפ, אבער אז דער מענטש וויל זיך באנייען אין אידישקייט - אויף אים שווייגט ער נישט, מוז מען דאך נעמען נייע כוחות. אז עמיצער וויל זיך באנייען אין דאווענען אלע טאג, ער וויל זיך באנייען אין רבי'נס זאך - שווייגט ער נישט! אזעלכע מענטשן האט ער נישט קיין סאך. נו, אז ער באנייט זיך - דארף איך אויך אנטקעגן זיך באנייען.

ער (- דער בעל־דבר) באנייט זיך, ער מאכט פאר דעם מענטש יעדע תאוה, יעדן תענוג, וואס עס איז אַן אלטע זאך, מאכט ער עס אזוי פריש אזוי ווי עס איז ניי, ווי גלייך ער האט עס נאך אין זיין לעבן נישט געהאט.

מען זעהט דאך אז איין טאג וואס מען פאסט אפ א תענית, עס קומט אויף דער נאכט, איז מען אזוי משתוקק צו עסן ווי ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געגעסן... (בפרט) אז עס קומט א יום־כיפור, א תשעה־באב, א נאכט מיט א טאג.

זעהט מען דאך אז ער האט א כח, ער האט א כח אריינצוגעבן א גיפט מען זאל אזוי וועלן דער זאך גלייך ווי עס איז עפעס א נייע זאך - אזוי וויל דער אויבערשטער אז די 'תורה ותפילה' זאל אויך אזוי זיין - ניי! פריש!

(השואל: דער רבי האט געזאגט אז דער עיקר איז נאכן תענית?) יא, **"דער עיקר איז ווי אזוי פאסט ער אפ!"**. (אחד הנוכחים: דאס עסן נאכן תענית?) **דאס עסן נאכן תענית!**

❖

## דעם רבי'ן רבי זושא'ס עצה

דער רבי האט משבח געווען דעם רבי'ן ר' זושא[קט]: **"ער איז געגאנגען א שטיק צייט מיט דער ערשטער התחלה! מיט די ערשטע הארץ!"**.

[קט] חיי מוהר"ן אות תקי"ח.

דער (טירהאוויצער) מגיד'ס אידעם ר' איצע איז געווען א יתום, און דער רבי ר' זושא האט אים מגדל געווען. נאכדעם האט ער אים משדך געווען מיט דעם טירהאוויצער מגיד.

איז בשעת דער רבי ר' זושא האט געלעבט איז ער געווען ר' זושא'ס א חסיד - דער ר' איצע, ער האט דאך געזעהן ווער רבי זושא איז. אז דער רבי ר' זושא איז נפטר געווארן תק"ס, האט ער אים געפרעגט צו וועמען ער זאל זיך מקרב זיין. איז עפעס צוויי לשונות איז דא;

**ער האט אים געזאגט[ק׳]: "אז דו וועסט אריינקומען צום צדיק און ער וועט דיר הייסן דאס ערשטע האבן 'וידוי דברים' - דארטן זאלסטו בלייבן!".**

רבי זושא איז נפטר געווארן תק"ס, און תק"ס איז דער רבי אריין קיין זלאטיפאליע. דער רבי האט חתונה געמאכט דער טאכטער אדל'ע מיט דעם האמעלניקער רב, אלול איז געווען די חתונה, און יענעם אלול איז דער רבי אריין קיין זלאטיפאליע[קי״א], און ער איז טאקע דעמאלט מקורב געווארן, באלד צו נאך ראש השנה.

ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן אין זלאטיפאליע, דער רבי איז געווען אין בית-מדרש, עס איז געווען אסאך מענטשן, און דער רבי האט עפעס א ווארנק געגעבן אז זיי זאלן אלע ארויסגיין, זענען זיי ארויסגעגאנגען. האט ער אויך געוואלט ארויסגיין, און דער רבי האט פארמאכט (דעם טיר) - "**הייבט זאג!**" האט ער געהאט 'וידוי דברים'.

**זעהט מען, ער איז מגודל געווארן ביי דעם רבי'ן ר' זושא, א קלייניקייט?! האט ער דאך דארטן עפעס געזעהן, האט ער אים געזאגט: אז דו וועסט אריינקומען צו א צדיק און ער וועט דיר דאס ערשטע הייסן האבן 'וידוי דברים' - דארטן זאלסטו בלייבן!".**

**אזוי ווי עס שטייט אין דער גמרא[קי״ב], ר' יוחנן האט געזאגט: "מיר האבן א טיש, מיר**

---

[ק׳] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ד - אמר המעתיק וכו'.

[קי״א] עיין כל זה בחיי מוהר"ן אות קי"ד.

[קי״ב] קידושין דף מ"ו ע"א.

האבן אלעס גרייט, און מיר האבן נישט וואס צו עסן!". אלעס איז ברוך ה' דא, דער רבי מיט ספרים, עצות, און מיר האבן נישט וואס צו עסן! פארוואס? פארוואס? נעמט און עסט!

צוויי זאכן האט ער אים געזאגט: "אז ער וועט קומען צו א צדיק און ער וועט אים פרעגן אַן עצה אויף 'גאוה' און ער וועט אים געבן אַן עצה - זאל ער דארטן נישט בלייבן; אז ער וועט אים זאגן 'נאר תפילה' - דארטן זאל ער בלייבן!"[קיג].

דאס האט דער רבי ר' זושא אויך געזאגט צו ר' איצע דעם מגיד'ס - 'נאר תפילה'!

❖

## געזעהן דעם תולדות

(השואל: דער רבי האט זיך געטראפן מיט דעם רבי ר' זושא?) מען ווייסט נישט. רבי נתן האט יא געקענט דעם רבי'ן ר' זושא[קיד]; דער רבי - ווייס איך נישט; דעמאלט איז 'אניפאלי' געווען ווייט.

דער רבי ר' אלימלך איז נפטר געווארן תקמ"ז, און דער רבי זושא איז געווען עלטער פון דעם רבי'ן ר' אלימלך, און דער רבי ר' זושא האט נאך געלעבט דרייצן יאר נאך דעם רבי'ן ר' אלימלך.

דער רבי איז אלט געווען פופצן יאר ווען דער רבי אלימלך איז נפטר געווארן. עס איז געווען ווייט - ליזענסק. עס קען זיין אז דער רבי האט זיי יא געזעהן, ווייל זיי פלעגן אלע קומען קיין מעזיבוזש, אלע צדיקים פלעגן קומען קיין מעזיבוזש, קען זיין אז דער

---

[קיג] עיין סיפור דומה על מרן הבעש"ט מובא בספר נוצר חסד (קאמארנא) אבות פ"ד משנה ד', וז"ל: קודם הסתלקות מרן הריב"ש זצ"ל אמר לתלמידיו שיכינו לעצמם רבי להאיר להם, כי הוא ילך לבית עולמו בשנה זאת, וזה היה בהושענא רבה אחר החתימה, ושאלוהו על איזה צדיק אם ידבקו נפשם אצלו, והם היו תלמידים בחורים צדיקים ועדיין לא שמשו כל צרכם, ואמר להם שיסעו אצלו וינסו אותו וישאלו לו שיתן להם עצה להסיר הגאוה, אם יתן להם עצה אין בו ממש, ואם יאמר ה' יעזור אזי יקרבו נפשם אצלו כי צדיק גמור הוא וכו' עכ"ל.

[קיד] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ב'.

רבי האט געזעהן דעם רבי'ן ר' אלימלך, קען זיין ער האט געזעהן דעם רבי'ן ר' זושא, קען זיין, נאר מען ווייסט נישט, עס איז נישטא קיין סיפור דערפון.

דעם "תולדות" - יא; דער רבי האט איינמאל געזעהן דעם "תולדות".

עס איז געפארן א פירל פון מעזיבוזש קיין פולנאה, עס איז נישט ווייט, א פופצן קילאמעטער, מיט דער באן איז עס אסאך מער, אבער מיט א פירל - נישט. צדיקים זענען געפארן צום "תולדות".

דער רבי איז דעמאלט א קינד געווען, איך ווייס, פון פיר-פינעף יאר, א קליין קינד, דער רבי האט געוואלט זיך מיטכאפן, א קליין קינד. האבן זיי אים נישט געוואלט אריינעמען, ווי וועט ער זיך שלעפן מיט א קינד?!

אבער דער רבי איז געווען אַן עקשן, נאך קליינערהייט אויך געווען אַן עקשן, און דאס פירל האט אנגעהויבן צו פארן. האט דער רבי אוועקגעשטעלט א פוס אויף דעם אייזן, און ער גייט נישט אוועק.

דאכט זיך, רבי חיים קראסנער האט אים אנגענומען און ער האט אים אריינגענומען און ער איז געפארן. האט דער רבי אים געדאנקט וואס ער האט אים מיטגענומען, אזוי האט ער געזעהן דעם "תולדות".

❖

עס איז געווען אמאל וואס דעם רבי'נס מוטער האט עפעס געדארפט צופארן, האט זי איבערגעלאזט דעם רבי'ן. רבי חיים קראסנער איז דעמאלט געווען. (אמרה:) "איך לאז דיר איבער דאס קינד!" א קליין קינד פון צוויי-דריי יאר - דער רבי. האט רבי חיים קראסנער געהאלטן דאס קינד, ער איז געשלאפן מיט אים.

אז די מוטער איז געקומען, (אמר לה רבי חיים:) **"איך האב אים אזוי אפגעהיט, אז איך האב נישט געוואלט אויפשטיין קיין חצות - איך זאל אים נישט אויפוועקן!"**. ער איז געשלאפן מיטן רבי'ן צוזאמען.

**'איך האב אים אזוי אפגעהיט דאס קינד' - אזוי חשוב - 'איך האב נישט געוואלט אויפשטיין קיין חצות איך זאל אים נישט אויפוועקן!' - אזוי האט ער געזאגט פאר דעם רבי'נס מוטער - 'אזוי האב איך אים אפגעהיט!'**

(אחד הנוכחים: ר' חיים קראסנער איז געוען א תלמיד פונעם בעל־שם!) **אוודאי אוודאי, אָה האָ, ער איז געוואלדיג גרויס געווען.**

**דער רבי איז דאך געבוירן געווארן צוועלף יאר נאך דער הסתלקות פון דעם בעל־שם הקדוש, איז ווען דער רבי איז געווען א קינד פון פינעף-זעקס יאר איז נישט לאנג געווען** (פונעם בעל־שם), **אלע תלמידים פלעגן קומען קיין מעזיבוזש. האט דער רבי כמעט אלע געקענט זיי, זיי זענען אלע געקומען קיין מעזיבוזש.**

❖

(השואל: דער רבי האט געזאגט: פון אייך וועט איר וויסן וואו - -) **"פון אייך קענט איר וויסן וואו די וועלט האלט!".**

**לזכרון בהיכל ה'**

| | |
|---|---|
| מו"ה **יצחק יעקב** | מרת **רוחמה שרה** |
| ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה | בת ר' **יצחק** ע"ה |
| נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג | נלב"ע י"ב שבט תשע"ט |
| מרת **פיגא רבקה** בת | מו"ה **יעקב** ב"ר |
| ר' **חיים צבי** ע"ה | **שמואל הכהן** ע"ה |
| נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב | נלב"ע י"ג אייר תשפ"א |

ר' **מנחם מענדל** ב"ר **יעקב יהושע** ע"ה

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

# על הטוב יזכרו ידידנו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

המחותנים:

מו"ה **משה יצחק שטיינער** הי"ו (מאנסי)

לרגל נישואי בנו החה"ח **דוד** נ"י

מו"ה **יעקב קאליש** הי"ו (וויליאמסבורג)

לרגל נישואי בתו הכלה

למזל טוב

מו"ה **יוסף ישעי' לאווען** הי"ו (מאנסי)

לרגל אירוסי בנו למזל טוב

מו"ה **מאיר גרינפעלד** הי"ו (מאנסי)

לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **קלונימוס יהודה** נ"י בן
הרה"ח ר' **משה אסטרייכער** שליט"א למזל טוב

מו"ה **נחמן יאקאבאוויטש** הי"ו (וויליאמסבורג)

לרגל הולדת הבן למזל טוב

מו"ה **אליעזר וואלדמאן** הי"ו (מאנסי)

לרגל הולדת התאומים למזל טוב

מו"ה **אברהם שלום היימליך** הי"ו (מאנסי)

לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **יעקב דוב מיללער** הי"ו (וויליאמסבורג)

לרגל הולדת הבת למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך

**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל** לרפו"ש